טשענסטאכויער יודישע צייטונג

#25 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. • פרייז 20 גראשן. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכויער צייטונג

Biblj. Judaistyczna Kraków św. Anny 19

Piątek 19 czerwca 1936 | ליכט-צינדען 7.43 | פרייטאג פ' קרח כ"ט סיון תרצ"ו

די טרויער - אויסגאבע

„אבל נחום"

וואס ענטהאלט א רייהע אינטערעסאנטע ארטיקלען — אין יודיש, העברעאיש און פויליש — וועגען לעבען און שאפען פון

היגען רב נחום אש ז"ל,

לקוטים פון זיינע ווערק, עפיזאדען פון זיין לעבען, ווי אויך עטליכע פאטאגרא-פישע בילדער, איז צו בעקומען ביי די צייטונגס-פערקויפער.

פרייז 30 גראשען.

Dr. med. Jakób Zand

ul. N. Panny Marji 1 (I Aleja 1)

telefon 21-65

powrócił.

---

2 pokoje z kuchnią z wygodami, I piętro do wynajęcia

ul. Kilińskiego 5 u gospodarza.

אכטונג וויעלון!

אין מיין ניי-געעפענטען

קויהלען - סקלאד, נארוטאוויטשא 13

ביי שווארצבארד'ן אין הויף

בעקומט מען אלע סארטען קויהלען צו ביליגע פרייזען.

יחיאל זיסהאלץ.

א מעבלירט צימער

פאר איין פערזאן, ווערט געזוכט אין דער געגענד ווילסאנא, גאריבאלדי, ווארשאווער גאס.

צו וויסען טהון אין רעדאקציע פאר מ.

Szkoła koed. i przedszkole im. Zofji Wajnsztokówny

zawiadamia, iż w bież. roku ponownie urządza letnie kolonje szkolne dla młodzieży i dzieci. Kolonje mieścić się będą w znanem uzdrowisku pod Piotrkowem, we Włodzimierzowie, w suchym i pięknym lesie. Dom murowany, w zdrowem miejscu, ma duże słoneczne pokoje i werandy. Blisko rzeka, plaża. Pożywienia smaczne i zdrowe. 5 razy dziennie—przeważnie jarskie. Gimnastyka, sporty i ewent. pomoc w nauce. Bibljoteka i radjo umilą dzieciom czas. Opieka bardzo staranna-zapewniona. Siły fachowe i pedagogiczne starannie dobrane. Miejscowość jest bardzo spokojna. Dwaj lekarze na miejscu, apteka, poczta, telefon i posterunek policyjny. Dojazd b. wygodny z Piotrkowa do Włodzimierzowa co godzina, autobusem lub kolejką trwa tylko 20 minut. Ilość miejsc ograniczona. Wyjazd I-ej grupy już w końcu czerwca. Bliższe informacje w kancelarji szkoły, Aleja 20. tel. 10 78 od 12—14 i od 15—17.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינגס - סעזאן!

13 גר. קאסט קראגענס מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאנץ 50 גר. קאסט א העמד

אויך נעמען מיר אן כעמיש צו רייניגען און צו פארבען פלערערט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע-קורטקעס 2) רעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט

Kierownictwo

GIMNAZJUM i SZKOŁY POWSZECHNEJ

TOW. ŻYDOWSKICH SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH

w Częstochowie, Dąbrowskiego 7. Tel. 11-58.

podaje do wiadomości, że kancelarja zakładów przyjmuje zapisy nowowstępujących uczniów (uczenic) codziennie między godz. 9—1 przed poł. i 5—7 po poł.

W klasie I gimn. nowego typu będzie wprowadzona w roku szkolnym 1936-7 nauka języka angielskiego, jako przedmiotu obowiązkowego, oraz nadobowiązkowa nauka jęz. niemieckiego. Egzaminy wstępne odbędą się w poniedziałek dn. 22 czerwca rb.

KRAIN i FESSER, Katowice

Oddział w Częstochowie,

Berka Joselewicza 6. Tel. 23-12.

p o l e c a :

stal wszelkiego rodzaju:

szybkotnącą, chromoniklową, konstrukcyjną, narzędziową, srebrzystą, maszynowo-martynowską, sprężynową, wężowatą w profilach mieczowym i Flottmann'a wały transmisyjne, walcowane i ciągnione, wały kute

Blachy:

stalowe i dziurkowane

Drut:

do spawania, fortepianowy, stalowy, sprężynowy

Wiertła spiralne:

ze stali narzędziowej i szybkotnącej

Artykuły techniczne:

elektryczne wiertarki i szlifierki, tarcze szmerglowe, filcowe, proszek i płótno ścierne, azbest klingerit, płyty fibrowe i wszelkie wchodzące w zakres techniczny artykuły.

די דערגענצונגס-שולע ביים האנדוו.-פערבאנד

איז מודיע, אז זונטאג, דעם 21 ד. ח. פונקטליך 6 א זייגער אווענד קומט פאר אין לאקאל פון האנדווערקער פערבאנד, אלעע 12

דאס צוטיילען פון די צייגנישען

פאר די שילער און שילערינס, וועלכע האבען געענדיגט די דערגענצונגס-שולע ביים יודישען האנדווערקער-פערבאנד.

אלע האנדווערקער קענען אנטייל נעמען אין דער פייערונג. איינגאנג פריי.

SzkołaRzemieślniczo-Przemysłowa

dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska № 8.

podaje do wiadomości, że zapisy rozpoczęły się z dniem 15-go maja r. b. Ilość miejsc ściśle ograniczona.

אכטונג יודען פון טשענסטאכאו און אומגעגענד!

ערשטקלא-סיגער **כשר'ער פענסיאנאט**

זעהר גוטע בעהאנדלונג, שמאקהאפטע עסענווארג, סאסנאווע וואלד, ראדיא

פענסיאנאט פאקטאר און נייפעלד

Chrząstów, st. Koniecpol — פאר רוה געזוכערס.

Rodzinie Epstein

z powodu zgonu Ich niezapomnianej Matki

b. p. Julji Epsteinowej

składa wyrazy szczerego współczucia

Rodzina B. Bocian.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע מיטגלידער

שמחה, משה, און יעקב אדערבערג צוליב'ן טויט פון זייער מוטער און שוויגערמוטער

נ"ע רבקה

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים און מתפללים פון דער חברה „לומדי תנך".

KOMUNIKAT.

ZARZĄD TOW. ŻYDOWSKICH SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH

w CZĘSTOCHOWIE, DĄBROWSKIEGO Nr. 7

zawiadamia, że jako instytucja społeczna pragnie przyjść z pomocą dzieciom niezamożnych rodziców i umożliwić im kształcenie się w szkole średniej.

W tym celu przyznaje

10 bezpłatnych miejsc w kl. I i II gimnazjum n.t.

dla uczniów (uczenic), którzy złożą egzamin z wynikiem dobrym.

Jednocześnie podaje się do wiadomości, że przyznawane będą **ulgi indywidualne** w opłacie czesnego celem udostępnienia niezamożnym dzieciom nauki zarówno w szkole powszechnej jak i w gimnazjum.

Zarząd Tow. Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych

w Częstochowie.

Częstochowa, dn. 18.6.1936 r.

Dyrekcja

Gimnazjum i Szkoły Powszechnej Dra Axera

w Częstochowie, ul. Focha 24,

zawiadamia, że egzamina wstępne rozpoczną się w poniedziałek dnia 22 czerwca b r. o godz. 9 przedpołudniem. Zgłoszenia przyjmowane są codzienie w godzinach 11—13 i 17—19.

W nadchodzącym roku szkolnym nauka języka hebrajskiego będzie zreorganizowana, oraz będzie wprowadzony w kl. I. gimn. język angielski jako osowiązkowy w miejsce niemieckiego, w klasach wyższych nadobowiązkowo angielski i francuski do wyboru.

Kierownictwo

Prywatnej Koedukacyjnej 7-mio klasowej Szkoły Powszechnej Mgr. T. Wajnberżanki

w Częstochowie, I Aleja 8

zawiadamia, że kancelarja szkoły przyjmuje codziennie zapisy uczniów i uczenic w godz. 9—1 przed poł. i 3—5 po poł.

Nauka wszystkich przedmiotów dobrze postawiona, hebrajski w dużym zakresie.

UWAGA: Szkoła przyjmuje zapisy na specjalny kurs, przygotowujący ze wszystkich przedmiotów wraz z hebrajskim do I klasy gimnazjalnej nowego typu.

צר לי, לבי נכאב בקרבי, נרעד אנכי בשמעי את השריפה אשר שרף ד' בעיר צינסטוחוב בהלקח מעל ראש העדה, נזר התורה והחכמה בהסתלקות הרב הגאון

ר' נחום אש נבג"מ

אנכי הכותב בדמע הטורים הללו שמשתי אתו בכהונת שליח-צבור עשר שנים, המנוח סיפר לי כי היה חבר למנהיג נחום סוקולוב — שניהם נקראו נחום על שם גדול אחד, שניהם למדו בישבות והראו חריפות בלמודם, נחום הגאון יצא להיות רב מפורסם בישראל — נחום השני יצא להיות מפורסם בספרות ישראל ומנהיג גדול לעם ישראל בארץ-ישראל, שניהם שבקו בזמן אחד ואין לנו תמורתם. יחונן ד' עפרם ובלע המות לנצח. מביע אני את רגשותי למשפחתו שמו הגדול ינחמם כל ימי חייהם.

יוסף באראש

חזן ביאהאנעסבורג (אפריקא)

ומשפחתו בצינסטוחוב.

Wyrazy głębokiego współczucia **Rodzinie Epstein**

z powodu śmierci Ich Matki

b. p. JULJI

składają

Najmarkowie.

ווען וועט שוין די צווייטע העלפט הבטחה אויך מקוים ווערען?...

ווער קאן נישט דאס פאלקס-ליעדעל פון דיכטער ש. פרוג: „זאמד און שטערען", וואו ער זינגט אויפ דעם צער פון פאלק, וואס האט א טענה צום רבונו של עולם, אז ער האט נאר ערפולט א האלבע הבטחה, וועלכע ער האט צוגעזאגט אברהם אבינו, דאס זייערע קינדער וועלען זיין אזוי פיעל ווי די שטערען אין הימעל און ווי זאמד ביים ברעג פון ים.

זינגט זיך אין פרוג'ס ליעד אזוי צו זאגען:

„רבונו של עולם, עס ווערט דאך נישט פערפאלען פון דיינע הבטחות קיין איינציג ווארט. מקוים מוז ווערען דיין הייליגער ווילען; אלעס קומט אין זיין צייט און אויף זיין ארט. און איינס איז שוין טאקע מקוים געווארען, דאס ווייס איך, דאס פיהל איך געוויס. מיר זענען געווארען ווי זאמד, וואס איז הפקר, וואס יעדער טרעט מיט די פיס.

„יא, גאטעניו, אמת, ווי זאמד און ווי שטערען, צוזייהט און צושפרייט אויף שאנד און אויף שפאט. גו, אבער די שטערען, די שטערען, די ליכטיגע, די קלארע, די שטערען, וואו זענען זיי גאט"?

אט די זעלבע פראגע וועלען מיר פרעגען דעם ה' פרעמיער-מיניסטער פון דער פוילישער מדינה.

דער ה' פרעמיער האט אין זיין עקספאזע ערקלערט, אז וואס שייך דעם עקאנאמישען קאמף געגען יודען: „אווי-שעם" – האט ער גארנישט דאגעגען; דערפאר אבער וועט ער שטארק בעקעמפען דעם טעראר, וואס ווערט אנגעווענדעט לגבי יודען. טא, פאניע פרעמיער, א האלבע הבטחה איז שוין מקוים געווארען. דער עקאנאמישער קאמף, וואס רופט זיך באיקאט, איז שוין מקוים געווארען אין די גאנצע הונדערט פראצענט; מען באיקאטירט אונז אויף שריט און טריט, טא ווען וועט שוין אויך מקוים ווערען די צווייטע העלפט הבטחה, ווען וועט מען שוין אונז אויפהערען צו שלאגען?

ממה נפשך, אויב די ערשטע העלפט הבטחה ווערט אויסגעפיהרט, טא ווען וועט שוין די צווייטע העלפט הבטחה אויך מקוים ווערען?...

ש. פ.

דאס געבאט פון דער שעה

(צו די בעפארשטעהענדע קהלה-וואהלען)

היינטיגע וואך האט זיך בעוויזען אין „מאניטאר פאלסקי" די, שוין פון לאנג אנגעזאגטע פעראָרדנונג וועגען קהלה-וואהלען אויפ'ן שטח פון דער גאנצער מדינה. דער טערמין פון די וואהלען איז בעשטימט געווארען אויף דעם 30-טען אויגוסט (פאר קלענערע קהלות) און 6-טען סעפטעמבער (פאר גרעסערע קהלות, דערונטער אויך אונזער שטאדט).

די דאזיגע פעראָרדנונג איז ארויסגעגעבען געווארען אין א מאמענט פון אויסערגעוועהנליכער דעפרעסיע פאר'ן גאנצען פוילישען יודענטום. אין דער יודישער פרעסע איז די דאזיגע כראניק-ידיעה בעגלייט פון די צייטונגס-בעריכטען איבער'ן פשיטיקער פראצעס, פון כסדר'דיגע אלארם-ידיעות איבער פערוואונדעטע און פאגראמירטע יודען, איבער באמבען-אטענטאטען און אונטערצינדונגען, איבער „אפיציעלע" בעליידיגונגען און „אפיציעלער" שענדונג פון יודישען כבוד (מעשה סאסנאָוועץ).

די דאזיגע אלע געשעהענישען, וואס האבען זיך ווי א האגעל גענומען שיטען איבער אונזערע קעפ האבען אביסעל אונז געמאכט פערגעסען אין אונזערע אינערליכע שטרייטיגקייטען. אנשטאט צו אונטערשטרייכען שטענדיג אזן אומעטום, ביי יעדער פאסיגער און נישט-פאסינער געלעגענהייט, דאס וואס עס טיילט אונז פונאנדער, האבען מיר אנגעהויבען זוכען דאס וואס עס בינדט אונז. דאס וואס ס'האט נישט געקענט בעוויזען די פשוט'ע פערנונפט, האט בעוויזען-ליידער אויך נאר טיילוויז– דער כולינאנישער שטעקען. פון דא און דארט ווייזען זיך דערפרעהענדע סימנים פון בורג-פרידען אין דער יודישער מחנה און דאס איז דער איינציגער טראפען טרייסט אין גרויסען כוס פון פורעניות און לייד, פון וועלכען עס קומט אונז אויס צו טרינקען.

זעהט אבער אויס, אז אויף דעם דאזיגען טרייסט-טראפען קען מען אונז נישט פערגינען. די פעראָרדנונג וועגען די קהלות-וואהלען איז עלול צונישט צו מאכען און צו דערשטיקען אין יסוד די שלום-טענדענצען, וואס האבען זיך אנגעהויבען בעווייזען אין דער יודישער מחנה.

יעדער ווייסט מיט וואס ס'איז פערבינדען ביי אינז א וואהל-אקציע, וויפיעל ברידער-האס און שנאת-חנם עס ווערט ביי אזא געלעגענהייט פערשפרייט און ווי לאנג עס דויערט, ביז די שפורען פון אזא אונגוטיגען קאמף ווערען פולשטענדיג פערווישט. אין יעצטיגען מאמענט בעדייט דאס אונטערנעמען א וואהל-קאמף – אויסליפערען זיך אליין אין די הענד פון שונא, פיהרען צווישען זיך הייגט א מלחמת-אחים הייסט פערלייכטערען אונזער געמיינזאמען שונא דעם פערניכטונגס-קאמף, וועלכען ער האט אונז אלעמען אנגעזאגט.

די וואהלען צו דער קהלה זענען וואס אנ'אמת שוין א געשעהענער פאקט, דער פארטיי-קאמף צו די דאזיגע וואהלען איז אבער לגמרי נישט קיין אונבעדינגטע נויטווענדיגקייט. ביי א ביסעל גוטען ווילען מצד די פארטיי-לידער קען דער דאזיגער קאמף אויסגעמיטען ווערען. עס דארפען זיך נאר אלע זעצען צו איין טיש און אהן פארוּרטיילען זוכען אזא אויסוועג פון דער לאגע, וועלכער זאל קיינעם נישט בע'עולה'ן און דערביי איינשפארען די אונגויטיגע צעשפליטערונג פון די יודישע רייהען, וועלכע ווייזען ארויס די ערשטע סמנים פון קאנסאלידאציע.

אונזער שטאדט האט איהר טראדיציע אין דער הינזיכט. אין מאמענטען פון אלגעמיינעם צופלאקערטען ברידער-קאמף איז די אמביציע פון אונזער שטאדט געוועזען צו בילדען דעם איינציגען כמעט פרידליכען פונקט אין דער גאנצער מדינה. עס איז דעריבער דא א גרונד צו האפען, אז אין יעצטיגען ערנסטען מאמענט פאר'ן גאנצען פוילישען יודענטום, וועט אונזער שטאדט ווייזען דעם ערשטען מוסטער פון פעראייניגונג און וועט זיך נישט לאזען אריינציהען אין א קאמף, פון וועלכען עס קען נאר געניסען דער דריטער צד.

דאס געבאט פון דער יעצטיגער שעה, אין אנבליק פון די בעפארשטעהענדע קהלה-וואהלען – איז א פעראייניגונג פון אלע ווירקענדע כוחות אין יודישען לעבען.

מענדיל פויגעל.

געשטיגען די אויסהאלטונגס-קאסטען

אין ארבייטס-אינספעקטאראט, אונטער'ן פארזיץ פון אינזש. קוליטשקאווסקי איז פארגעקומען א זיצונג פון דער סטאטיסטישער קאמיסיע פעסטצושטעלען די אויסהאלטונגס קאסטען אין טשענסטאכאוו.

ס'איז געווארען פעסטגעשטעלט, אז אין חודש מאי זענען די אויסהאלטונגס-קאסטען פון אנ'ארבייטער פאמיליע פון 4 פערזאָן געשטיגען מיט 1.16 פראצענט און בעטראפען 3.47 זלאטעס טעגליך.

היום! געדענק! געדענק!

דאס היינט איז די ציהונג פון דער ערשטער קלאס

פערשפעטיג נישט!

1.000.000.–

א מיליאן

אין דער בעקאנטער גליקליכער קאלעקטור

J. WEKSLER

ALEJA 6.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון בוי-קאמיטעט פונ'ם בנין פאר'ן יודישען גימנאזיום.

דאנערשטאג, דעם 25 יוני 7 א זייגער אוועגד אין ערשטען טערמין און 8 אוועגד אין צווייטען טערמין אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין קומט פאר די אלגעמיינע פערזאמלונג פון בוי-קאמיטעט פונ'ם פאר'ן יוד. גימנאזיום אין טשענסטאכאוו. אויפ'ן טאג - ארדנונג שטעהען א ריי וויכטיגע פראגען צוליב וואס ס'איז נויטיג, אז די אלע וועלכע דער בוי פון אנ'אייגענעם בנין פאר'ן יודישען גימנאזיום איז נאהענט צום הארצען זאלען דורכאויס זיין אנוועזענד.

פאר די געליטענע אין מינסק

די שילער - זעלבסטהילף פון דער פאוושעכנע שולע נר. 12 15 זל.

נדבות פאר דער געזעלשאפט „תומכי עניים"

ה' שלום ברזאסקי און פרוי צו דער בר מצווה פון זייער זוהן גרשון 50 קילא ברויט.

פרוי לודוויקאווא טעמפעל 40 קילא ברויט.

פון א בוררות צווישען די ה"ה: בנימין טשארני און אהרן עפסיג 20 קילא ברויט.

ה' שמשון גראבינער און פרוי צו דער בר מצווה פון זייער זוהן 12 קילא ברויט.

ה' אברהם זעליגמאן און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאכטער 10 קילא ברויט.

ה' הערשליקאוויטש צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 4 קילא ברויט.

מיט דער בלייפעדער

אין גאס זעהט מען פערשידענע קוריאזען און פאסירונגען. און אט אזוי שטעהענדיג האב איך אויפגעכאפט עטליכע קלייניגקייטען, וועלכע איך האב פערצייכענט מיט דער בלייפעדער:

עס איז א צוזאמענגעלויף, וואס איז? מען האט געכאפט א געפעהרליכען פערברעכער–הער איך ווי איין קריסט זאגט צום צווייטען. און אז דאס מוז ווירקליך זיין א געפעהרליכער באנדיט, האב איך זיך טאקי באלד איבערצייגט, ווייל אזש דריי פאליציאנטען האבען געפיהרט א פערשוין, די הענד אויסגעדרעהט, און אויב דאס איז געווען ווייניג, האט נאך א המון פון גאס מיטגעהאלפען דער פאליציי אין זייערע פליכטען און פון הינטען ארום דערלאנגט דעם ארעסטירטען מיט שטויסען אין די זייטען.

איך דערנעהנטער זיך און זעה, אז דער ארעסטירטער איז א יודישער בייגעל-העגדלער און ווען א פאליציאנט האט איהם געוואלט צונעמען די בייגעל, האט דער הענדלער אוועקגעווארפען דעם קויבער מיט'ן געבעקס און כהרף עין האט א צווייטער, מסתמא זיינס א קאלעגע געכאפט דעם קויבער און פערשווינדען. פערשטעהט זיך, אז פאר אזא „פערברעכען" דארף מען ארעסטירען. האט אבער דער בייגעל-הענדלער נישט געוואלט געהן אין קאמיסאריאט, האבען זיך אריינגעמישט א פאר גאסען-שקצים, וועלכע האבען געוואלט ערפילען א „בירגערליכען" חוב, ווייל ס'האט זיי פערדראסען, וואס א יודישער בייגעל-הענדלער דערלויבט זיך אויף אזא חוצפה. קורץ, ס'זענען אנגעקומען נאך עטליכע פאליציאנטען און מיט דער מיטהילף פון נאך עטליכע „טרייע בירגער" וועלכע האבען איהם בעלעגט מיט סטוסאקעס און בוכצעס, האט מען דעם יודישען הענדלער א געבונדענעם אין קייטען אבגעפיהרט אין פאליציי-קאמיסאריאט.

אויפ'ן וועג צום קאמיסאריאט, האט אויף פילסודסקי גאס גראד שפאצירט א בחור'ל צו וועלכען די „איידעלע" שקצים זענען צוגעלאפען און איהם אויך מיטגעשלעפט אהין. ווען דער פאליציי-קאמיסאר האט געפרעגט: מה חטאו ומה פשעו, האבען זיך באלד געמאלדען עטליכע צעהנדלינג עדות, וועלכע האבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן, אז דאס בחור'ל האט מיטגעהאלפען העצען דעם עולם נעגען דער „וואלדזע".

ס'פערשטעהט זיך, אז אויב עדות האבען אליין געזעהן, ווי דאס בחור'ל האט געהעצט, מוז ער בעקומען זיין שטראף. האט מען איהם טאקי איינגעזעצט ער וועט אויף זיך האבען דעם אמת'ן פראצעס.

אנ'אנדערס מאל.

עס איז ווידער א צוזאמענגעלויף. וואס איז? א יוד מיט א שווארצער בארד פיהרט ביי דער האנד א יונגע פרוי, וועלכע שפרינגט און טאנצט און וויל זיך ארויסרייסען פון דעם יוד'ס הענד.

ווען איך געה צו נעהנטער, ווער איך געוואויר, אז דער יוד איז א קלאבוצקער און די פרוי איז זיין ווייב, און געקומען איז ער אהער מיט איהר צו א נערווען-דאקטאר.

פ'שאפט זיך באלד א רערעל מענשען און כ'הער, ווי איינער דערצעהלט, אז די פרוי איז געווען ביז נישט לאנג געזונד און פריש, גאר איינמאל ביינאכט, ווען זי איז געווען פערזונקען אין א טיפען שלאף, האט זי זיך אויפגעכאפט צוליעב א שטארקער בראזגעריי. דאס האט מען ביי איהר אויסגעהאקט די שויבען, און גרויסע האלב-פודינע שטיינער זענען אריינגעפאלען אין בעט, אין וועלכען איהר קליין קינד איז געלעגען. פון דאמאלס אן האט זיך ביי דער פרוי עפעס גערירט אין מוח און זי איז נישט ביי די קלארע געדאנקען.

קוקענדיג אויף דעם קלאבוצקער ווייבעל, האב איך בעמערקט, אז פון איהרע אויגען שפראצט ארויס א שרעקליכער פחד, וואס האט נעמאכט פערגליווערען דאס בלוט אין די אדערן.

אומגליקליך ווייבעל וואס זי איז! צוליעב א פאר שטיינער, וואס פאלען אריין אין מיטען ביינאכט דורכ'ן פענסטער, לוינט זיך נאך נישט משוגע צו ווערען...

איינס, צוויי, דריי; איינס, צוויי, דריי. אט אזוי מארשירען אונזערע יודישע קאמבאטאנטען, די געוועזענע פראנט-זעלנער, וועלכע האבען געקעמפט אויפ'ן שלאכט-פעלד מיט פוילענס שונאים. פערגיסענדיג זייער בלוט. זיי האבען זיך ארגאניזירט אין א פעראיין, וואס האט די אויפגאבע–אויב דאס פאטערלאנד וועט ווייטער חס ושלום בעדראהט ווערען פון שונא–זיך ווידער צושטעלען אין די פאדערשטע רייהען און פערטיידיגען די גרעניצען.

מארשירען זיי אזוי איבער דער ערשטער אלעע מיט מיליטערישען ריטם: ראז, דווא, טרזשי, אנגעטהון אין די מיליטערישע היטלען, און די שפאצירענדע יודען קוועלען אן פאר נחת, אזוי ווי איינער זאגט: זעהט, אויך מיר יודען קאנען און נעמען אנטייל אין אויפבוי פון אונזער געמיינזאם פאטערלאנד.

אויך יענע וואך דאנערשטאג האבען 2 גרופען געוועזענע פראנט-זעלנער פון דער יודישער גאציע מארשירט איבער דער גאס. דאס האבען זיי צוריקגעקעהרט פון שוהל אין בית המדרש, וואו ס'זענען פארגעקומען די אזכרות צוליב די שלשים פון אונזער ליעבען רב ז"ל. אבער פלוצלינג בעמערקט מען עפיס, אז אונזערע קאמבאטאנטען שפאצירען אונטער דער בעגלייטונג פון פאליציי, און מען פיהרט זיי אב אין קאמיסאריאט אריין.

שפעטער איז מען געוואויר געווארען, אז מען האט זיי אין קאמיסאריאט אויסלעגיטימירט, און געהייסען זיי אויסטהון די היטלעך מיט'ן פוילישען אדלער און צוויי פון זיי, וועלכע האבען געטראגען מונדירען, האט מען אויסגעטהון ביז די אונטערוועש און זיי זענען אזוי געזעסען, ביז מען האט זיי געבראכט די ציווילע קליידער פון דערהיים.

ווען די פארשטעהער פון די קאמבאטאנטען זענען געקומען אין קאמיסאריאט זיך פרעגען: מה זאת, פאר וואס און פאר ווען מען האט די געוועזענע פראנט-קעמפער אזוי בעהאנדעלט, האט מען זיי גענטפערט, אז ס'איז דא א בפירוש'ער בעפעהל, דאס מען טאר נישט טראגען קיין מונדירען. האבען זיי זיך ווידער געפרעגט: גו, גוט, אמת, אז ס'איז ארויס אזא בעפעהל און מיר אלס אנגעהעריגע צו א מיליטערישער ארגאניזאציע וואלטען זיך בעשטימט אונטערגעווארפען דער דיסציפלין, נאר צו וואס אונז פערשעהמען, מען האט דאך געקאנט אונז צושיקען א קאמוניקאט אין דער ארגאניזאציע אריין, וואלט מען דאך פערשפארט אנצוטהון די מונדירען און מיר וואלטען נישט געווארען בזוי ומבוזה בפני כל עם ועדה, אויף די דאזיגע שאלות האבען זיי אבער שוין קיין קלארען ענטפער נישט בעקומען און האבען זיך אליין געמוזט אנשטויסען...

ווידער א צוזאמענגעלויף. איך כאפ ארויס דאס שטיקעל בליי און גרייט זיך צו פערצייכענען, נאר באלד לויפען אן א פאר כוליגאנעס און הויבען אן שלאגען יודען, הויבט מען אן צו לויפען און לויפענדיג האט מיר איינער א כוליגאן מסתמא גענעבען א קלאפ און דאס שטיקעל בליי איז מיר ארויסגעפאלען פון דער האנד. איך האב שוין דעריבער ווענען דעם פארפאל נישט געקאנט פערצייכענען...

סמאל.

אברהם פויגעל

די פוילישע אפריל-קאנסטיטוציע.

VII. די געזעצגעבונג.

1.

מיר זענען שוין אומשטאנד אונטערצוזיהען א סך-הכל, נאהנטער ערקלערען און ענטוויקלען די אופנים און בעזונדערע פאזען פון דער געזעצגעבונג אין פוילען, אזוי, ווי עס וויל זי זעהען די אפריל-קאנסטיטוציע.

א געזעץ אין היינטיגען פוילען קען צושטאנד קומען אויף צוויי אופנים: 1) דורך אנ'אבשטימונג אין ביידע געזעצגעבערישע קאמערן, און 2) דורך א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט. דער ערשטער פון די צוויי אופנים גייט אדורך אין זיין ענטוויקלונג דורך צאהלרייכע העגד און האט זיך זיינע פערשידענארטיגע פאזען, וועלכע מיר וועלען זיך בעמיהען בקיצור צו ערקלערען.

קודם כל — דער פ א ר ש ל א ג. א געוויינליכער בירגער קען, ווי בעוואוסט, קיין געזעץ · פראיעקט נישט פארשלאגען; אויב ער וועט עס יא מאכען, וועט קיינער זיין פראיעקט נישט בעטראכטען. צו פראיעקטירען געזעצען זענען בערופען נור קאמפעטענטע ארגאנען, וועלכע האבען דאס אז. גער. א י נ י צ י א ט י וו - ר ע כ ט.

אין פוילען בעזיצען דאס דאזיגע רעכט: די רעגירונג און דעפוטאטען (אבער נישט די סענאטארען). ביי פראיעקטען פון קאנסטיטוציאנעלע געזעצען קומט נאך אין בעטראכט א דריטער פאקטאר: דער מלוכה-פרעזידענט; זיין פראיעקט וועט אבער מוזען ווערען אונטערגעשריבען אויך דורכ'ן פרעמיער, און אזוי ארום וועט ער האבען די אונדירעקטע הסכמה פון דער רעגירונג.

נאכ'ן פארשלאגען דורך איינעם פון די אויבענדערמאנטע ארגאנען גייט דער פראיעקט איבער צום סיים. דער דאזיגער בעטראכט נישט אין אנפאנג די איינצעלהייטען פון פראיעקט אויפ'ן פלענום, נור שיקט איהם איבער אויף צוא בעטראכטונג אין איינער פון זייגע קאמיסיעס, וועלכע בעשטעהט געוועגליך פון פאכמענער, בעהאוועגטע אין די בעהאנדעלטע ענינים. ערשט נאכ'ן טובל זיין זיך אין דער קאמיסיע שווימט דער פראיעקט אין זיין פולען אומפאנג ארויס פאר'ן פלענום פון סיים. עס קומען דאן פאר צוויי לעזונגען, בשעת וועלכע עס ווערט רעבאטירט איבער די פרטים און גאנצקייט פון פארשלאג. אויף די אבשטימונגען פערענדיגט זיך צייטווייליג די ראל פון סיים; דער פראיעקט וואנדערט ווייטער און ערשיינט — פאר'ן ס ע נ א ט.

די פראצעדור אין דער צווייטער קאמער איז דיזעלבע ווי אין דער ערשטער: ווידער א קאמיסיע און ווידער לעזונגען און אבשטימונגען. יעצט, זאל דער בריעף אונפערענדערט אדורכגעהן — דאן וואנדערט ער ווייטער. ער קען אבער פון דארט ארויסקומען א בעל-מום, מיט אנ'אמפוטירטער האנד אדער פוס, צי גאר מיט א נ'א ר י י נ - ג ע ז ע צ ט ע ר ריפ. נאך אזא כירורגישע אפעראציע געהט דער פראיעקט צוריק צום סיים, וועלכער בעקומט איהם צוריק [אויך דאמאלס, ווען דער דער סענאט האט איהם בכלל אבגעווארפען.

דריי פינפטעל פון די שטימענדע דעפוטאטען קענען צוריקווייזען אלע תקונים, וועלכע דער סענאט האט אין פארשלאג געמאכט; זיי זענען אויך בכח צוריקצושטעלען א פראיעקט, וועלכען דער לעצטער האט געגנצליך אבגעווארפען. זאל זיך אבער אין סיים אזא צאהל דעם סענאט נ י ש ט א קייגענשטעלען — דאן בלייבט עס אזוי, ווי ער האט געמאכט.

דער געזעץ-פראיעקט שטעהט אבער נאך אלץ נישט אב אין זיין שפאציר. נאך די אלע אויבענאויסגערעכענטע גלגולים בעקומט איהם אנ'אויסגעלייטערטען, אנ'אדורכגעזופטען דורך צוועהן פילטערס — דער מלוכה · פרעזידענט. עס איז א פייערליכער אבער צוגלייך א ג ע פ ע ה ר ל י כ ע ר מאמענט פאר דעם רך-הנולד: אט קען יעצט מיט איין פעדער-שטריך די גאנצע ארבייט ארום איהם ווערען צוניכט. זאל דארט עפיס נישט געפעלען דעם דאזיגען היכנגעשטעלטען מאן, דאן שיקט ער דאס אלץ, מיט דער הסכמה פון פרעמיער, צוריק אין די קאמערן אזוי צו זאגען: במחילה, רבותי, זייט אייך נאכאמאל מטריח, ווייל אייער ארבייט איז געווען פארטאטשנע.

אין אזא פאל מוזען שוין ביידע געזעצגעבערישע קאמערן אין זייער גרויסען רוב (103 דעפוטאטען און 49 סענאטארען) זיין פולשטענדיג איינשטימיג, כדי דער פראיעקט זאל אונפארענדערט אריין אין קראפט.

נור נישקשה; צופיעל מורא דארף מען פאר דעם אלעם נישט האבען. עס האט למשל דאס זעלבע רעכט דער ענגלישער קעניג, אבער עס ליגט צוזאמען מיט זיין דימאנטענע קרוין בעהאלטען אין זיין שאף-קאמער. ער צאצקעט זיך דערמיט, אבער בענוצען — חס וחלילה. וואהרשיינליך וועט זיין גורל אין פוילען אויך זיין דערזעלבער.

א געזעץ-פראיעקט, וועלכער האט בשלום אדורכגעמאכט די אלע פאזען, גייט נאך אדורך זיין לעצטען וועג, וועלכער איז על-פי-רוב נור א פארמעלער, נעמליך: ער בעקומט די אונטערשריפט פון פרעזידענט, פרעמיער און בעטרעפענדען מיניסטער, און ווערט פערעפענטליכט אין געזעץ-בלאט (דזיענניק אוסטאוו). פון דעם טערמין אן הויבט אן דאס געזעץ צו פערפליכטען.

א גאסט אויף א ווייל

א פריינד, וואס איז נאר-וואס געקומען פון אויסלאנד אויף א קורצען בעזוך, האט אין א שמועס צווישען אנ'ענגערן קרייז געזאגט פאלגענדעס:

— איך ווייס נישט מיט וואסערע אויגען איהר קוקט אויף די אלע געשעהענישען, וואס שפילען זיך דא אב טאג-איין טאג-אויס; אויף מיר אבער, אלס גאסט אויף א וויל, מאכט עס א שרעקליכען, שוידערליכען איינדרוק, אזוי ווייט, אז די בילדער פערפאלגען מיך ביינאכט און לאזען מיך נישט רוהיג שלאפען.

— עס איז דאך אונמעגליך, אונמעגליך—שרייט אויס דער נאאיווער אויסלענדער, אז ט'זאל זיך שוין נישט געפונען קיין שום אביעקט, וואס זאל אינטערעסירען די פוילישע טאן-געבער, די פוילישע „נאציאנאלע מיינונג" א חוץ די יודען-פראגע. ווען איך לייען די יודישע און פוילישע פרעסע געפין איך דאך דארט אבסאלוט גארנישט מעהר אין דער גאנצער אייערער פרעסע, ווי: ידיעות, קאמוניקאטען, לייט-ארטיקלען, פאליטישע איבערזיכטען, אנאנסען, מיט איין ווארט: אלץ איז דאך אנגעפראפט וועגען יודען, מיט יודען, איבער יודען, צווישען יודען, צוליב די יודען—ווי אין פוילען וואלט שוין באמת נישט געווען קיין אנדערע זארג, קיין אנדער פראבלעם א חוץ די-יודען.

די ידיעות פון די שטעדט און שטעדטלעך וועגען די דארטיגע טאג-טעגליכע געשעהענישען מאכען דאך דעם איינדרוק, ווי דאס וואלטען געווען קאמוניקאטען פון שלאכט-פעלד, ווי אין פוילען וואלט געווען מלחמה-צייט און די יודען ווערען בעטראכט אלס דער בלוטיגסטער שונא, געגען וועלכען אלץ איז ערלויבט, געגען וועלכען מען קען קעמפען מיט אלע לעגאלע און נישט-לעגאלע מיטלען.

— זאגוראוו, אדזשיוואל, פשיטיק, מינסק-מאזאוויעצק, טרוסקאלאס, קלאבוצק, אטוואצק, רעמבערטאוו, גער, גראדנע, לעמבערג, ווילנע—דאס איז דאך בלויז א טראפען אין ים פון דער גרויסער טראגעדיע, וואס שפילט זיך ביי אייך אב אין די הונדערטער און הונדערטער אנדערע שטעדט און שטעדטלעך, וואס איז פול מיט קרושים, יודישע ארימקייט, פיין און נויט, וואס איז דאס מיט אייך געווארען שטאלץ, פויליש יורענטום? צי זייט איהר שוין אזוי אבגעטעמפט געווארען, אז איהר זעהט שוין גארנישט און הערט גארנישט, וואס ארום אייך טהוט זיך אב?

וואו זענען אונזערע ביאליק'ס, וועלכע זאלען אויסשרייען אונזער גרויסען וויי, אונזער אמת, אז די וועלט זאל ציטערן?

— וואו זענען די פוילישע ליבעראלע פיהרער, פארוואס הויבען זיי נישט אויף זייער מעכטיג ווארט געגען אזעלכע קאוואלסקי'ס און זיינסגלייכען? זענען זיי דען באמת אזוי בלינד און נישט ערפאהרען, אז זיי זאלען נישט זעהען, צו וואסערע קאטאסטראפעס די דאזיגע כוליגאנעס קענען דערפיהרען מיט זייערע פראוואקאציעס, וועלכע נעמען אן אלץ שארפערע פארמען? זעהען זיי דען נישט, אדער מאכען זיי זיך נישט זעהען, אז די דאזיגע כוליגאנעס און באנדיטען, וועלכע טראכטען אויס יעדען טאג אלץ נייע פראוואקאציעס געגען יודען, ווערען אלץ מעהר האפערדיגער און דרייסטער ווייסענדיג, אז ס'וועט זיי דערפאר קיין שום שלעכטס נישט געשעהן און אין ערגסטען פאל—בלויז א קליינע שטראף, פאר וועלכער ס'לוינט זיך צו „באוויזען" מיט א פאר זשידקעס?

— קען איך דאך דאס פוילען פון פריהער. איך געדענק, אז אפילו דער ערגסטער פון די ערגסטע—לוטאסלאווסקי—ווען ער איז ארויסגעגאנגען אויף דער סיים-טריבונע, האט ער אויך נישט גערעדט אין אזא טאן, ווי דאס טהון היינט די כלומרשטע „פריינד" אייערע. היינט, ליידער, שעהמט זיך שוין קיינער נישט אין פוילען, די מאסקע איז איננאנצען אראבגעריסען און מען שפילט מיט די יודען אין אפענע קארטען.

— איינס, וואס מיך וואונדערט, איז נאר דאס, וואס די פוילישע דיפלאמאטען, וועלכע זיצען אין אויסלאנד, (א חוץ היטלער-לאנד) לערנען גארנישט פון דארט. זעהען זיי דאך זעהר גוט ווי ס'געהען אן גיגאנטישע ארבייטען אויף אלע געביטען פון געזעלשאפטליכען און עפענטליכען לעבען ביים אקטיווען אנטייל פון יודען און די אלע מלוכות ענטוויקלען זיך ריזיג און ס'ווערן געמאכט אלץ נייע אויפטהוען צו פערבעסערן דאס גרויע דא-זיין פונ'ם בירגער. און דא, ביי אייך, אנשטאט צו זארגען פאר די אלע זאכען, בעשעפטיגט מען זיך נאר מיט'ן יודען, ווי ער וואלט געלעבט נישט אויף פוילישער ערד, נאר ערגיץ אויף א פלאנעט, וועלכען מען דארף אראבשיסען.

* * *

אזוי איז עס, ליבער פריינד, נישט מיר זענען אבגעטעמפט און זעהען נישט די אלע גרויזאמקייטען, וואס געשעהען ארום אונז, נאר מיר זענען געווארען איינזאם און הילפלאז. מיר שטעהען גאנץ אליין אין דעם דאזיגען נישט-גלייכען קאמף מיט די כוליגאנעס און מעסער-העלדען. מיר האבען שוין נישט היינט קיינעם, וואס זאל אונז וועלען פערטיידיגען. אלץ און אלע ליציטירען זיך היינט אויף אנטיסעמיטיזם. וואס א גרעסערער יודען-פיינד—אלץ מעהר חשיבות בעקומט ער. עס איז געווארען א ווילד געיעג אויף אונז פון אלע זייטען און איינער וויל דעם אנדערן איבעריאגען, איבערשטייגען. אונזערע פאר כלומרשטע „פריינד" האבען מורא עפענטליך, מוטיג און דעצידירט ארויסצוטרעטען געגען דער דאזיגער וואקכאנאליע, זיי האבען מורא פאר'ן „פאלקס-צארן", וועלכער ווערט פאבריצירט בליץ-שנעל פון קלייניגקייטען.

געה ארויס אין גאס, וועסטו זעהען ווי די לופט איז אנגעפולט מיט פולווער. ס'איז גענוג בלויז א קלייניגקייט, וואס ווערט פראוואצירט דורך א כוליגאן און ווי פון דער ערד וואקסען אויס עדות, וועלכע האבען געהערט און געזעהן ווי דער זשיד מיט דער באָרד האט ארויסגענומען א רעוואלווער און געוואלט שיסען. ס'פעהלט שוין נישט היינט קיין פאות און בארד, יונג ווי אלט—אלץ איז טריף; נישטא שוין היינט „מיין זשיד, דיין זשיד"—קיין שום יוד טויג שוין נישט היינט. אין נארמאלע געוועהנליכע טעג שוינט מען אפילו נישט קיין יודישע מלווים, וועלכע געהען נאך דער לויה מיט צובראכענע הערצער—אפילו זיי בעגעגנט מען מיט שטיינער, דאס זענען וואנדאלישע אקטען, וואס אין די ערגסטע פאר אונז צייטען האט עס נישט פאסירט.

געה ארויס אין גאס, וועסטו זעהען, ווי טויזענדער יודישע יונגעלייט דרעהען זיך ארום ארבייטסלאז, נידערשלאגען, רעזיגנירט און הילפלאז. נישטא קיין לופט צו אטעמען. גערטנער, פעלדער, פארקען—אלץ שטעהט אפען פאר דיר, נישט פערשלאסען און דאך וועט קיין יוד היינט נישט וואגען אהינצוגעהן דארט. דארט אהינצוגעהן איז פיעל געפעהרליכער ווי אין מלחמה-צייט אויפ'ן פראנט. אויפ'ן שלאכטפעלד קענסטו זיך כאטש פערטיידיגען און היינט, אין פרידליכער צייט, טארסטו זיך נישט פערטיידיגען, ווען נישט ביזטו און דיין גאנץ פאלק פערלוירען.

האסטו געהערט, וואס פאר א מורא'דיגער חורבן ס'איז געווארען פון מינסק-מאזאוויעצק? מיטלאלטער, גירוש-שפאניען זענען דאך קינדער-שפילען אקעגען דער איצטיגער „ציוויליזאציע" און „פארטשריט", וואס די כאמישע האנד האט בעוויזען דארט אויפצוטהון. יודען ענטלויפען, יודען ווילען זיך ראטעווען, שטעלען זיך אוועק כוליגאנעס און לאזען נישט, ווייל זיי האבען מורא, אז ס'וועט קיין יוד נישט בלייבען, וועמען מ'זאל קענען שלאגען. דאס איז שרעקליך, דאס איז מעהר ווי תשעה באב...

לייען טאג-טעגליך די בעריכטען פון פשיטיקער פראצעס, הער זיך צו צו די אלע אידיאטיזמען, וואס קליין און גרויס לעגט אוועק אויפ'ן טיש, דאן וועסטו, ליבער פריינד, אונז פערשטעהן...

מרדכי קויפמאן.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

זאלען אונזערע לעזער נישט נעמען פאר אומגוט, אויב זיי וועלען געפונען אין דעם „וואס געהערט און געזעהן" א ידיעה, וואס ס'וועט זיך זיי אויסדאכטען, אז זי איז פערעלטערט. ווייל, רבותי, מיר פערצייכענען אלץ, וואס פערלויפט זיך אין אונזער שטאדט און אויב איין ידיעה'לע פערשפעטיגט זיך, מאכט אויך נישט אויס. מיר האלטען, אז ס'איז וויכטיגער, דאס די געשעהענישען פון דער איצטיגער שטורמישער צייט זאלען פערצייכענט ווערען לדורות, איידער זיי זאלען איגגאנצען נישט פערצייכענט ווערען, מיט'ן אויסרייד, אז ס'איז עבר זמנו.

מאכענדיג די דאזיגע בעווארעניש, טרעטען מיר צו צו דער ארבייט.

די וואונד אייטערט.

פון טאג צו טאג ווערט אין פוילען דער אנטיסעמיטיזם אלץ שטארקער און פעסטער. זאגאר דארט, וואו עס איז נאך געווען א קליינע מעגליכקייט פון צוזאמענארבייט צווישען קריסטען און יודען, ווערען די שטריק אלץ לויזער און עס כאפט זיך אהין אריין דער ווארעם פון אנטאגאניזם, פון שנאה און האס.

געווען איין געביעט, וואו יודען און קריסטען האבען געארבייט צוזאמען. דאס איז געווען אויפ'ן ספארט-געביעט. ספארט איז אונטערנאציאנאל—האט מען געפרעדיגט און די ערשטע זענען געווען דערפון צופרידען די יודען. ווייזט זיך אבער ארויס, אז די אטמאספערע פון שנאה האט אריינגעדרינגען אויך אין ספארט-וועזען.

יענע וואך איז פארגעקומען א ספארט-אימפרעזע, אין וועלכער ס'האבען זיך געדארפט בעטייליגען אלע אהן אויסנאהם ספארט קלובען פון אונזער שטאדט, פערשטעהט זיך—אויך די יודישע. האבען די פוילישע ארגאניזאציעס אבער מורא געהאט זיך צו בעווייזען מיט אט די דאזיגע פערהאסטע זשידעס אויף דער גאס, האט מען אויף א דיפלאמאטישען אופן געגעבען די יודען צו פערשטעהן, זיי זאלען בעת'ן מארשרוט איבער דער שטאדט געהן פון הינטען. האבען זיך אבער די יודישע ספארט-קלובען בעליידיגט און געשריבען א פראטעסט-בריעף, אין וועלכען זיי מעלדען, אז צוליב די דאזיגע נישט-טאקטישע מעשים פון די רעדעל-פיהרער, וואס זענען סותר דעם רעגולאמין פון דער ספארט · קאנסטיטוציע, וועלען די יודישע ספארט-קלובען אין מארשרוט נישט נעמען קיין אנטייל, כאטש לויט אונזער מיינונג האבען זיי זיך אפילו אין די ספארט-איבונגען אויך נישט געדארפט בעטייליגען—אבער דאס איז שוין זייער זאך. איך האב נאר געוואלט פערצייכענען, אז די וואונד אייטערט. דער גיפט, וועלכען די אנטיסעמיטען פערשפרייטען, האט א ווירקונג, ער דרינגט אריין בהדרי חדרים—אפילו, וואו דער חיה'שער אנטיסעמיטיזם האט ביז-יעצט נישט געהאט קיין צוטריט.

פון קיין יודיש געלד וועט זיך אפילו דער פוילישער ספארט נישט אבזאגען...

א רעש, א געטימעל, ס'וועט באלד נעפויקט ווערען איבער אלע גאסען: מען ארדענט איין א „פליוואלניע", א שווים-באסיין. אהא, דאמאלט וועט מען נישט איגנארירען די יודען, פערקעהרט, מען וועט זיי בעזוכען, מען וועט צו זיי רעדען זעהר העפליך: „מאיע אושאנאווניע", ז'לאסקי סוואיעי", „יאשניע וויעלמאזשני פאן" און נאך אזעלכע איידעלע לאקריץ-זיסע ווערטער, וואס געפינען זיך אין דער פוילישער שפראך, אבי ארויסצוקריגען די פאר זלאטעס פון די יודען, כדי שפעטער, ווען די דאזיגע „פליוואלניע" וועט זיין פערטיג, זאלען די יודישע ספארטלער נישט האבען דארט קיין דריסת-הרגל.

איך וויל נישט אגיטירען די יודישע געלד-געבער, זיי זאלען דאמאלס, ווען מען וועט קומען צו זיי נאך געלד, זיך נוקם זיין און נישט געבען. חס ושלום, ערשטענס, טאר מען נאר נישט עפענטליך אזוי אגיטירען... והשנית, וועט נישט העלפען דאס אגיטירען, ווייל אונזערע יודעלעך, געזונד און שטארק זאלען זיי זיין, זענען דאך רחמנים בני רחמנים... אז מען קומט צו זיי נאך געלד גיבען זיי. ווער שמועסט, אז עס קומען קיין נישט-יודען, גיט מען דאך אוודאי. עס מאכט אבער נישט אויס, אויב איך דערצעהל וועגען דעם עפענטליך. אדרבה, זאל מען וויסען, ווי מען האלט אין דער וועלט. ס'איז בעסער דער נאקעטער אמת, ווי ביטער ער זאל נישט זיין, איידער דער פערדעקטער שקר.

נאך געלד פאר'ן ספארט-וועזען וועט מען דאך קומען צו יודען.

שבת-שבתון...

פערהאנען א סך יודישע געוועלבער, וועלכע זענען צוליב עקאנאמישע סיבות אפען אין שבת, איבערהויפט האט די שיך-בראנזשע פון דער ערשטער אלעע און נייעם מארק זיך געמאכט א היתר מכמה וכמה טעמים צו עפענען שבת זייערע געשעפטען. דער הויפט-מאטיוו זייערער איז אבער געווען באשר בכן—פערהאנען א גרויס-געשעפט מיט שיך אין דער ערשטער אלעע, וואס האט ס'ערשטע פורץ גדר געווען.

וועגען דאזיגען ענין האט זיך שוין א סך געטומעלט און ס'איז געבליבען ביים אלטען. לעצטענס האט זיך אבער אנגעהויבען מעהר טומלען. א סוף זאל עס נעמען—שרייען די יודען פון דער ערשטער אלעע. אין דער איצטיגער צייט, ווען מען וויל אונז דערדריקען פון אלע זייטען, מוזען מיר ווייזען, אז מיר זענען יודען און וועלען שבת נישט מחלל זיין, פונדעסטוועגען וועלען מיר ווייטער עקזיסטירען.

קומען פאר אין ראבינאט קאנפערענצען פון די שיך-סוחרים און פון אנדערע בראנזשעס וועגען פערמאכען די געוועלבער אין שבת. טענה'ט מען אהין, טענה'ט מען אהער, ביז מען קומט צום בעשלוס, אז „אוושעם", אלע זענען גרייט צו שליסען זייערע געשעפטען, נאר מיט'ן בעדינג, אז די דערמאנטע גרויסע פירמע וועט אויך שליסען. היות אבער, ווי די גרויסע פירמע וויל נישט שליסען, מאטיווירענדיג, אז—אבער דער מאטיוו איז נישט וויכטיג, א פאקט איז, אז דער אינהא-

וועגען ציגארען, שירמס, ראָווערען און אנדערע יודישקייטען.

(פון א רייזע איבער האָלאַנד).

אויב מען זאל מיר אין אַ געוויסען טאָג צובינדען די אויגען און מיך פערפיהרען ערגיץ וואו אין האָלאַנד, וועל איך עס אין ערשטען מאָמענט נאָכ'ן אריבערפאָהרען די גרעניץ, בעשטימט „דערפיהלען", אַז איך געפון זיך שוין אין האָלאַנד — אין דער מדינה מיט דעם ספּעציפישען גערוך פון ציגארען, קעז און נאָך עפּיס.

נישט קיין חילוק, צי פאָהרט איהר אריין אין האָלאַנד מיט דער באַהן, מיט'ן וואַסער, צי מיט אַן'אויטאָבוס. דער דאָזיגער גערוך בעגלייט אייך פון איין עק לאַנד ביז'ן אַנדערען. ער געהט מיט אייך מיט אין דער האַלע פון אייער האָטעל, אין רעסטאָראַן און אין קאַפע-הויז, אין ביוראָ און אין פריוואט-הויז און ביז אין פאָרהויז פון דער אַלטער שוהל וואס איהר געהט בעזוכען. האָלענדישע ציגאַרען זענען עס, וואס יעדער בכבוד'ער האָלענדער פערברויכט עטליכע שטיק איבער'ן טאָג און שטעלט זיך נישט פאָר ווי דאָס לעבען וואָלט אויסגעזעהען ווען ער וואָלט נישט געקאָנט נאָכ'ן אָנבייסען זיך פעררויכערען אַ „שטומפער", נאָכמיטאָג פערציהען אַ „ציגאַרילאָ" און אין אָוונט אויסשפּרייטען זיין „קוראַנט" (צייטונג) וואס איז ברייט ווי דער עקראַן פון אַ קינעמאַטאָגראַף און דערביי געמיטליך אָנצינדען איינעם פון יענע אומענדליך גרויסע ציגאַרען, וועלכע מען רויכערט אַן'אָוונט לאַנג און מען ווערט מיט איהם נישט פערטיג...

אַט אַ די ציגאַרען זענען אפשר די גורמים, וואס דער האָלענדער איז על פי רוב אַ שותק, ווייל, איך בעט אייך, מיט אַזאַ מין כלי אין מויל איז נישט לייכט צו רעדען.

און דעריבער האט דער שמש פון יעדער שוהל אין האָלאַנד, ביי זיך אין „גניזה" אַן'אוצר מיט ציגאַרען אָנגעגרייט פאַר זיינע בעלי בתים אויף שבת-צו-נאַכט, צו קאָמפּלעטירען דעם עונג שבת פון יעדען גוטען יודען און איהם טרייסטען פאַר דער אַוועקגעגאַנגענער נשמה-יתירה.

האָלענדישע יודישקייט האט אַ סך קוריאָזען. איך וויל דאָ איצטער נישט רעדען פון די כשר'ע סאנדוויטשען אויף יעדער באַהן-סטאַציע, פון די קרעמלעך „אונטער ראַבינאַט'ס אויפזיכט" און אַנדערע קלייניגקייטען. אָבער אינטערעסאַנט איז עס צו שפּאַצירען שבת אויפ'ן יאָנאַס דאַניעל מאיר פּליין, אַ פּלאַץ אַזאַ, אויפ'ן נאָמען פון אַ יודען, וואו עס שטעהען די וויכטיגסטע שוהלען פון שטאָדט, בעת יודען קומען ארויס דאַווענען און טראָגען אין איין האַנד אַ טלית-זעקיל און אין דער צווייטער האַנד אַ... שירם, יאָ אַ פשוט'ען שירם, אַ פּאַראַסאָל, ווי להבדיל, אַ גלח אָדער אַ שדכן.

הונדערטער יודען האָב איך געזעהען אין אַמסטערדאַם שבת מיט דעם דאָזיגען „געווער" אויף וועלכען מען דאַרף נישט קיין פּאָליציייאישע ערלויבניש. און ביז היינט פערשטעה איך נישט דעם דאָזיגען מנהג. און דאָס סאַמע טשעקאַווע דערביי איז, וואָס אפילו ביים גרעסטען שלאַקס-רעגען וועט דער פרומער יוד זיין שירם, אום שבת נישט אויפמאַכען, ווייל מען טאָר אום שבת נישט בויען און מיט'ן אויפמאַכען אַ שירם קאָנסטרואירט מען דאָך אַן'אוהל, אַ געצעלט, אַ מין פּראָוויזאָרישען דאַך און דאָס טאָר מען נישט. עס איז אַ טראַדיציע אַזאַ, פונקט ווי די ריכטער פון ענגלאַנד טראָגען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג אין געריכט געפּודערטע פּערוקען, ווי אין מיטעלאַלטער.

*

אין אונזער צייט פון אויטאָמאָבילען און אַעראָפּלאַנען, זענען ראָווערען שוין אַ האַלב אָבגעלעבטע זאַך. אין פּאַריז אָדער אין אַן'אַנדערע גרויסע שטאָדט פון אייראָפּאַ, וועט איהר קיין ערנסטען מענשען נישט אָנטרעפען רייטענדיג אויף דער דאָזיגער צוויי-רעדלדיגער מאַשינקע. עס איז גיכער אַן'ענין פאַר יונגלעך אָדער ליפעראַנטען, פאַר שיקיונגלעך און אַנדערע ליידיג-געהער.

אַנדערש אָבער זעהט עס דערמיט אויס אין האָלאַנד. אין אַמסטערדאַם קענט איהר אין מיטאָג און אין די אָוונד-שעה'ן, אַ גאַס נישט פערבייגעהן צוליעב דער אינוואַזיע פון די דאָזיגע מאַשינקעס, די קאַוואַלעריע פון ראָווערען.

און פאָהרען פאָהרט מען דאָ נישט ביחידות, נאָר בציבור, צו צעהן, צוואַנציג און הונדערט, איינער הינטער'ן אַנדערען און נעבען אַנדערען. די גרעסטע צ"ה זענען די ווייבער און מיידלעך, וואָס פאָהרען על פי רוב צוויי צוזאַמען אַ האַנד פערלייגט אויפ'ן צווייטענס אַקסעל און פאָרמירען אַ מין קאָמבינאַציע, וואָס ברענגט ארויס דעם אָרימען פוס-געהער פון דער געדולד, ווייבער האָבען אַ טבע, פאָהרענדיג זיך צו אונטערהאַלטען; און האַלטענדיג זיך צוזאַמען, דאַרף מען נישט אין זין האָבען דעם גלייכגעוויכט און מ'קען ציהען אַ שמועס אַזוי לאַנג ווי די צרפתי-סטראַאט און נאָך ווייטער אַוועק אין די אומענדליכקייטען פון די בולוואַרען פון אַמסטערדאַם זיד, דער נייער מאָדערנער שטאָדט-טייל, וועלכער ציהט זיך אַוועק אין דער אומענדליכקייט.

און דער מין ראָווערען-רייטען איז אָנגענומען פון דער קעניגין און דער קרוין פּרינצעסין ביז אין די לעצטע שיכטען פון פאָלק. פאַר יעדער קאַפע-הויז, באַנק, קירכע און להבדיל שוהל איז איינגעריכטעט אַ מין גאַראַזש פאַר די גראַציעזע מאַשינקעס וואס פיהרען אַרויס פון גדולה אויטאָמאָביליסטען און פוס-געהער.

נאָר פונדעסטוועגען שטעל איך מיר שווער פאָר אַ פּוילישען רב פאָהרענדיג אויף אַ ראָווער פונקט אַזוי ווי איך האָב זיך אַמוזירט צוקוקענדיג ווי דער אָרטאָדאָקטישער הרב טל פון אוטרעכט האט זשאָנגלירט אויף אַ ראָווער און ביידע שפּיצען פון זיין לאַנגער באָרד האָבען זיך געטראָגען אין ווינד ווי די פליגלען פון אַן'עקזאָטישען פויגעל, און עס האט מיר פערשאַפט אַ סך שפּאַס צו זעהען דעם האַרלעמער רב פערקאַטשען די קאַפּאָטע און אויפשטייגען אויף אַ ראָווער ווי אַ יונגעל פון פופצעהן יאָהר. איך שטעל מיר שווער פאָר ווי אונזערס אַ יוד וואָלט געטראַכט זעהענדיג זיין מרא דאתרא מיט אַ פערקאַטשעטער קאַפּאָטע רייטענדיג אויף אַ „ביציקל".

*

די „באָבע פון דער יודישער פּרעסע" זאָגט מען, האט געלעבט אין אַמסטערדאַם. דאָ איז אַרויסגעגאַנגען מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק די ערשטע צייטונג אין דער יודישער שפּראַך. אָבער די אייניקלעך האָבען זיך פערקליבען זעהר ווייט פון דער באָבען. — מען דאַרף שוין זוכען מיט ליכט אַן'עכטען האָלענדישען יודען וואָס קען אָך אַ ביסעל יודיש, ס'הייסט, פשוט מאַמע-לשון. אין די קליינע שטעדטלעך האָב איך נאָך, דאָ און דאָרט, געטראָפען אַן'אַלטען יודען, וואָס האָט געקאָנט ענטציפערען אַ יודישע צייטונג און אַליין אָנשרייבען אַ שטיקעל בריוועל אויף יודיש. אין אַמסטערדאַם דאַגעגען, זענען די „יודישיסטען" אחד בעיר ושנים במשפחה; זעלטען ווען מען טרעפט אַן'עכטען האָלענדישען יוד, וואָס קאָן נאָך אַ פּאָר ווערטער לייענען יודיש. אויסער דעם ביסעל מזרח-יודען וואָס זענען דאָרט פערבליבען פון דער מלחמה צייט.

פערשטעהט זיך, אַז אין דער האָלענדישער שפּראַך גופא, בעת יודען רעדען צווישען זיך, זענען אריין אַ סך יודישע, אָדער בעסער געזאָגט, העברעאישע אויסדרוקען. אָבער פאַר אונזער אויער קלינגען זיי פרעמד און אַזוי שטאַרק „נאַטוראַליזירט", אַז מיר הערען זיי כמעט נישט מעהר אַרויס.

געווען אַמאָל אין אַמסטערדאַם נאָך אַ יודישע שפּראַך, יודיש-פּאָרטוגעזיש, אַ מין לאַדינאָ, ווי עס רעדען די ספרדים. אָבער די דאָזיגע שפּראַך איז שוין איינגאַנגען פערגעסען און אויסער ביי בעזונדערע פייערליכקייטען, בעת וועלכע די פּאָרטוגעזישע יודען זינגען נאָך אַמאָל אַ תפילה אין פּאָרטוגעזיש ביי די מי שברך'ס אין די ימים-טובים, וואו מ'בראַקט נאָך אַמאָל אַריין אַ טראַדיציאָנעלע פּראַזע אין פּאָרטוגעזיש, האָט די שפּראַך אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

און גענוג זאָל זיין מיט פילאָלאָגיע. מיר וועלען נאָך צייט האָבען זיך צו בעשעפטיגען דערמיט אין אונזער ווייטערדיגען טייל פון דער סעריע.

„סיכאָר אש אי בעליווט"? און מיר פאָהרען אַוועק מיט'ן קאַנאַל, אַרויס צו די פּרעכטיגע בלומען-פעלדער פון ניעדערלאַנד.

צ. ה. וואַקסמאַן.

אפל. אדוו. י. קושעפיצקי.

דאָס געזעץ וועגען שטייער פון לאָקאַלען.

לעצטענס האָט דער היגער שטייער-אַמט פונאַנדערגעשיקט „נאַקאַזען" פון'ם „פּאַדאַטעק לאָקאַלאָווי". פיעל פון די בעשטייערונגען זענען געזעצליך נישט בערעכטיגט. דעריבער האַלטען מיר פאַר נויטיג איבערצוגעבען די וויכטיגסטע פאָרשריפטען פון'ם דאָזיגען געזעץ.

לויט'ן אַרט. 1 פון'ם געזעץ זענען פערפליכטעט צו צאָהלען דעם לאָקאַל-שטייער אַלערליי שטאָדטישע לאָקאַלען, חוץ די, וועלכע ס'רעכענט אויס דער אַרט. 2 פון'ם געזעץ. לויט'ן אַרטיקעל 2 פון'ם געזעץ זענען צווישען אַנדערע פריי פון דעם שטייער:

1) לאָקאַלען, וועלכע זענען פערנומען דורך מלוכה'שע און שטאָדטישע אַמטען, לאָקאַלען פערנומען דורך וויסענשאַפטליכע, רעליגיעזע, בילדונגס- און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס ווי אויך שפּיטאָלען. דאַגעגען לאָקאַלען, וועלכע זענען פערנומען דורך געזעלשאַפטען, פעראיינען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועמענס סטאַטוט זעהט פאָר, צווישען אַנדערע, אויך וויסענשאַפטליכע בילדונג און פילאַנטראָפּישע טעטיגקייט זענען נישט פריי פון'ם לאָקאַל-שטייער.

3) לאָקאַלען, וועלכע זענען פערנומען דורך האַנדווערקער און אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען („זאַקלאַדי פּזשעמיסלאָווע") ד.ה., אַז אַלע, לאָקאַלען אין וועלכע ס'ווערען געפיהרט אונטערנעהמונגען, וועלכע בעזיצען אינדוסטריע-פּאַטענטען, צ. ב. 7-טע אָדער 8-טע קאַטעגאָריע, זענען פריי פון'ם לאָקאַל-שטייער. אויב אפילו די אינדוסטריע-אונטערנעהמונג ווערט געפיהרט אין אַן'אָפען געוועלב, אין וועלכען די אַרטיקלען פון אייגענער אויסאַרבייטונג ווערען פערקויפט, איז דאָס געוועלב אויך פריי פון'ם לאָקאַל-שטייער, אויב ס'בעזיצט נאָר נישט קיין בעזונדערען האַנדעלס-פּאַטענט, וועלכען מען איז פערפליכטעט צו בעזיצען דאַמאָלס, ווען חוץ די אייגענע אויסאַרבייטונגען פערקויפט מען אויך פרעמדע סחורות. אויב די אינדוסטריע-אונטערנעהמונג פערנעמט אַ טייל פון'ם לאָקאַל און די צווייטע טייל בעשטעהט פון אַ פּריוואַטער וואוינונג ווערט דער לאָקאַל-שטייער אויסגעמאָסטען נאָר פון דער פּריוואַטער וואוינונג לויט דער געהעריגער „סטאַווקע"; צ. ב. אין אַ 5-צימערדיגען לאָקאַל געפונט זיך אַ האַנדוועקער-וואַרשטאַט (שניידעריי, שוסטעריי אָדער אַנדערע), וועלכער פערנעמט 2 צימערען און אין די איבריגע 3 צימערען געפונט זיך די פּריוואַטע וואוינונג קענען נאָר בעשטייערט ווערען די 3 פּריוואַטע צימערען. אויב חוץ דעם וואַרשטאַט וואָלט די פּריוואַטע וואוינונג בעשטאַנען נאָר פון צוויי צימערען וואָלט דער גאַנצער לאָקאַל געווען פריי פון'ם לאָקאַל-שטייער, ווייל — ווי מיר וועלען ווייטער זעהען — זענען 2-צימערדיגע לאָקאַלען אינגאַנצען פריי פון'ם לאָקאַל-שטייער.

מיר שטעלען זיך דעריבער אויספיהרליך אָב ביי דער דאָזיגער פאָרשריפט, ווייל דער היגער שטייער-אַמט האָט אונגעזעצליך בעשטייערט פיעל אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען, ווי אויך לאָקאַלען, אין וועלכע ס'געפונען זיך אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען מיט פּריוואַטע וואוינונגען צוזאַמען.

פריי פון'ם לאָקאַל-שטייער זענען אויך לאָקאַלען, וועלכע זענען נישט פערנומען, דאַן וואוינונגען וועלכע בעשטעהען פון 1 און 2 צימערען. לאָקאַלען, וועלכע בעשטעהען פון 3 צימערען זענען דאַמאַלס פריי פון לאָקאַל-שטייער ווען זיי זענען בעוואוינט דורך אַרבייטסלאָזע.

דער שטייער ווערט גערעכענט לויט'ן יעהרליכען דירה-געלד; לאָקאַלען, וועלכע בעשטעהען פון 1, 2 און 3 צימערען צאָהלען 8 פּראָצ. פון'ם דירה-געלד, 4-צימערדיגע לאָקאַלען און גרעסערע צאָהלען 12 פּראָצ. פון'ם יעהרליכען דירה-געלד.

דער שטייער ווערט אויסגעמאָסטען אויף אַ צייט-אָבשניט פון 2 יאָהר. דער שטייער-צאָהלער האָט דאָס רעכט אַריינצוטראָגען געגען דער שטייער-אויסמעסטונג אין פערלויף פון 30 טעג פון'ם דערהאַלטען דעם „נאַקאַז", אַן'„אָדוואָלאַניע" אין דער „איזבאַ סקאַרבאָווא".

בער וויל נישט און רופט איהם קנאַקניסעל. איז דאָך ווייטער נישט גוט, קומט מען מיט אַ פּראָיעקט, אַז איין שבת זאָל מען אַלס פּראָטעסט פערמאַכען די געשעפטען, און אויב די בעוואוסטע פירמע, וועט ווייטער נישט וועלען פערמאַכען, זאָל מען—וואָס מען זאָל טהון, איז דערווייל נישט בעשטימט געוואָרען.

ס'האָט געקאָסט גענוג געזונד, ביז אַלע האָבען דערצו מסכים געווען און דעם פערגאַנגענעם שבת זענען טאַקי אַלע שיך-געשעפטען אין דער ערשטער, צווייטער אַלעע, ווי אויך אין נייעם מאַרק געווען פערהעמערט, אויסער, געוויינליך, דאָס בעוואוסטע געשעפט אין דער ערשטער אַלעע.

וואָס וועט אָבער זיין דעם מאָרגענדיגען שבת? ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, וויל די בעוואוסטע פירמע זיך נישט אונטערוואַרפען דעם בעשלוס און ווייטער אָפען האַלטען דאָס געוועלב. אויב אַזוי וועלען דאָך אַנדערע שיך-געשעפטען אויך וועלען עפענען, טאָ וואָס וועט ווערען פון דער גאַנצער בעמיהונג און אַרבייט פון ראַבינאַט אַרום דער אַקציע געגען חילול שבת?

צי וועט זיך איינגעבען דעם ראַבינאַט צו מאַכען שבת-שבתון?

ער האָט נעבעך געהאַט אַ טעות...

ברעכען יודישע שויבען, האַקען יודישע קעפּ, איז אַ טאָג-טעגליכע ערשיינונג. גאַנץ אָפּט, נישט גאַנץ אָפּט, נאָר אין 99 פּראָצענט געהען די פערברעכער זיך רוהיג אַהיים, כדי זיי זאָלען שפּעטער ווייטער טהון זייער פערדאַרבונגס-אַרבייט. זיי האָבען שוין אַזאַ הצלחה, די דאָזיגע כוליגאַנעס, אַז פונקט איז דאָ נישטאָ קיין פּאָליציי, וועלכע זאָל פאָדערען פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די פערברעכערישע מעשים...

יענע וואָך האָט אָבער געטראָפען אַ פּאַטאַלער טעות, און אָט צוליעב דעם טעות, איז אַזאַ פערברעכער טאַקי אַריינגעפאַלען אין די הענד פון דער גערעכטיגקייט.

דער בנין פון האָטעל „פּאָלאָניאַ" האָט אויך אַ פּאָר פענסטער, וועלכע געהען אַרויס אויף דער קאַטעדראַלנע גאַס. וועגען דעם, זעהט זיך אויס, זענען אָבער נישט אַלע אינפאָרמירט. מאַכט זיך אַ מעשה, עס געהט אַדורך אַ כוליגאַן און האַקט אויס צוויי שויבען. זעהט ער דאָך, אַז קיינער זאָגט איהם נישט קיין בייז וואָרט (ער האָט נעבעך נישט געוואוסט, אַז ווען ער האַקט אויס ביי יודען עטליכע שויבען, וואָלט שוין געוואָרען אַ געוואַלד. זיי האָבען שוין אַזאַ טבע די יודען, אַז טאָמער שלאָגט מען זיי, שרייען זיי...) דאָס האָט איהם צוגעגעבען מוט, און ווי-נאָר ער האָט דערזעהען די גרויסע שוי-פענסטער פון זעלבען בנין האָט ער זיי אויך אויסגעהאַקט. דאָס דאָזיגע שטיקעל אַרבייט איז איהם אפילו נישט געלונגען מיט איינמאָל, ווייל די שויבען זענען זעהר דיק, האָט ער דאָס געמאַכט דורך עטליכע שטוס מיט'ן פיס, ביז ער האָט זיין „אויפגאַבע" ערלעדיגט...

נאָך דער דאָזיגער „מלאכה" איז ער זיך רוהיג אַוועקגעגאַנגען, האַלטענדיג, אַז ער האָט מקיים געווען אַ מצוה פון האַקען שויבען, פאַר וואָס מען ווערט דורך קיינעם נישט געשטערט און מען ווערט נישט בעשטראָפט. דאָ האָט ער אָבער געהאַט אַ טעות. די שויבען, וועלכע ער האָט דאָסמאָל אויסגעהאַקט, געהערען צום האָטעל „פּאָלאָניאַ", צום אדוו. זאַוואַדזקי, דעם פיהרער פון די היגע ענדעקעס. ס'פערשטעהט זיך, אַז מען האָט דעם שויבען-האַקער געפּאַקט און אָבגעפיהרט איהם אין חד גדיא אַריין.

נבהל ונשתומם איז ער געוואָרען, דער כוליגאַן, וואָס פאַר אַ פּאַטום יאָגט מען איהם נאָך? אַזויפיעל שויבען אויסגעהאַקט און גאָרנישט, און דאָ פּלוצים האָט מען איהם פערהאַלטען. ער איז אָבער גאָרנישט שולדיג. ער האָט דאָך באמת געמיינט גוט. ער האָט דאָך געוואָלט אויסהאַקען יודישע שויבען, נאָר ער האָט נעבעך אַ טעות געהאַט.

א שאַנדע צו דערצעהלען

מיט אַ וועהטאָג אין האַרצען און אַ שאַנדע אין פּנים מוז איך דערצעהלען וועגען אַ פאַקט, וואָס כאַראַקטעריזירט, ווי אַזוי אונזערע יודען האָבען נישט דעם מוט צו פערטיידיגען זייער מענשליכע ווירדע.

אין ראַקאָוו קומט אָפּט צ וגעהן אַ יודעל מיט געריוכערטע הערינג, וועלכע ער פערקויפט אין די געוועלבלעך. האָבען איהם מיט עטליכע טעג צוריק מקבל-פּנים געווען אַ פּאָר כוליגאַנעס, וועלכע האָבען איהם פערניכטעט דאָס ביסעל סחורה און איהם אַליין צושלאָגען. דאָס האָט געזעהן אַ קריסט, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַר'ן יודען און מיט דער הילף פון נאָך עטליכע קריסטען פעריאָגט די כוליגאַנעס און זיי אָנגעבראָכען די ביינער. איז דאָך געוואָרען אַ געוואַלד, אַ געשריי, היתכן? קריסטען נעמען זיך גאָר אָן פאַר אַ יודען?! נאָר אַזוי איז עס געווען. אמת, דאָס איז אַ זעלטענהייט, אָבער אויך זעלטענהייטען טרעפען זיך.

שפּעטער האָט דערזעלבער איידעלער קריסט איבערגעגעבען דעם גאַנצען אינצידענט דער פּאָליציי, וועלכע האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, וועלכער איז איבערגעשיקט געוואָרען דעם אויספאָרשונגס-ריכטער, שטעלט אייך אָבער פאָר, אַז ווען מען האָט גערופען דעם געליטענעם יודען, האָט ער געלייקענט די גאַנצע מעשה. ס'האָט איהם גאָר קיינער נישט געשלאָגען, ער ווייסט נישט פון קיין פּתרון און פון קיין חלום. ס'פערשטעהט זיך, אַז די אויספאָרשונג געגען די כוליגאַנעס איז בטל געוואָרען.

איצט קומט דער קריסט און קאָן מיט זיין גוי'עשען קאָפּ נישט פערשטעהן, וואָס מיט דעם יודען טהוט זיך, פאַר וואָס ער לייקענט. איבערי-גענס-טענה'ט דער קריסט—קאָן מען זיך דאָך מעהר נישט אָננעמען פאַר קיין יוד, וואָרום, אויב דער יוד לייקענט, בלייב איך דאָך, ווי אַ נאַר, און די כוליגאַנעס רייצען זיך נאָך מיט מיר און זאָגען: זעהסטו שוין, אַז מען דאַרף זיך נישט איינשטעלען פאַר קיין יודען, וואָרום דער יוד איז נישט ווערט אַז מען זאָל זיך פאַר איהם אָננעהמען, ווייל ער האָט נישט קיין עהרען-געפיהל צו פערטיידיגען זיין מענשליכע ווירדע.

מיר פערשטעהען גאַנץ גוט, אַז דער געשלאָגענער יוד טהוט דאָס דערפאַר, ווייל אַזוי ווי ער וויל ווייטער קומען מיט זיין ביסעל סחורה קיין ראַקאָוו, האָט ער מורא די כוליגאַנעס צו פערשיטען. דאָס קענען אָבער נישט פערשטעהן די קריסטען, וועלכע האָבען זיך פאַר איהם אָנגענומען און איהם בעשיצט.

אונזער מיינונג איז אויך, אַז דער צושלאָגענער יוד האָט געטהון אַ פערברעכען דערמיט, וואָס ער האָט געלייקענט, ווייל היינט, אויב מען גיט זיי מיט אַ שטעקען, ענטלויפען זיי; ווען מען אַנטלויפט אָבער פון זיי, ווערען זיי נאָך חוצפה'דיגער און יאָגען נאָך.

איך האָב אייך דערצעהלט איין פאַקט פון אַ סך, ליידער טהוען אַזוי אַ סך יודען, און ס'איז אַ גרויסע שאַנדע עס צו דערצעהלען.

לויתן.

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה".

פערגאַנגענעם מאָנטאג איז אין אייגענעם לאָקאַל (קאַטעדראַלנע 1) פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה".

פרעזעסין פרוי ב. וועקסלער עפענט די פערזאַמלונג און רעדט דאַן אין וואַרימע ווערטער וועגען דער אבידה, וואס דאס יודישע טשענסטאָכאָוו האט געהאַט מיט דער פטירה פון אונזער רב ר' נחום אש ז"ל.

42 יאהר — זאגט פרוי וו. — איז ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו געווען רב איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטען, וואס דאס יודענטום האט פערמאָגט. מיט זיין גרויסער קענטניש, סיי אין רעליגיעזער און סיי אין וועלטליכער בילדונג האט דער רב ז"ל געדינט זיין עדה און געשטאַנען אויף דער וואך פון איהרע אינטערעסען. דער רב נחום אש ז"ל האט זיך נישט פערשלאָסען בלויז אין די ד' אמות פון זיין רבנות, נאָר האט גענומען אַנ'אַקטיווען אנטייל אין אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע טשענסטאכאוו פערמאגט, מיטהעלפענדיג מיט ראָט און טהאט צו זייער ענטוויקלונג. דער גרויסער נפטר האט אויך שטארק אונטערגעשטיצט די „עזרה" ווענדענדיג זיך מיט אהנצאַהליגע אויפרופען צו דער יודישער בעפעלקערונג וועגען אונטערשטיצונג אונזער אינסטיטוציע. זיין גאַנץ לעבען האט דער נפטר געווידמעט צו פערטיידיגען דאס יודענטום אין פוילען און דעריבער איז די אבידה שמערצליך נישט בלויז פאר'ן טשענסטאָכאָווער יודענטום, נאָר פאר'ן גאַנצען יודישען פאָלק, וואס האט פערלוירען איינעם פון זיינע טרייע קעמפער.

פרוי וועקסלער ווידמעט גלייכצייטיג א פאָר הייסע ווערטער דעם נאָר-וואס פערשטאָרבענעם נחום סאקאלאוו, דעם גרויסען יוד, וועלכער האט זיין גאַנץ לעבען מקריב געווען פאָר דער אויפלעבונג פון יודישען פאָלק און פאר'ן אויפבוי פון זיין אייגענער היים. און מערקווירדיג — זאגט פרוי וו. — אַז די דאָזיגע צוויי גרויסע אויטאָריטעטען זענען געווען צווישען זיך געבינדען מיט משפחה-פעדים, געטראָגען דעמזעלבען נאָמען, און ביידע האבען געווידמעט זייער לעבען פאר'ן כלל.

די דאָזיגע רעדע, וועלכע איז געהאַלטען געוואָרען אין אַ זעהר שענער שפּראַך איז אויסגעהערט געוואָרען פון די פערזאַמעלטע שטעהענדיגערהייד. דאַן ווערט בעעהרט דאס אנדענקען פון די צוויי גאונים און פון די קדושים פון ארץ-ישראל — מיט א צוויי-מינוטיגען שטילשווייגען.

אַלס פּאָרזיצערין פון דער פערזאַמלונג ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט פרוי שטאַרקע, אַלס בייזיצענדע — פרוי קרעמסקא און פרוי בערלינער, אַלס סעקרעטאַרין — פרוי אינזש. פּזשיסוסקער.

נאָכדעם, ווי ס'ווערט אַדורכגעלעזען און בעשטעטיגט דער פּראָטאָקאָל פון דער פאָריעהריגער אַלגעמיינער פערזאמלונג, ווערט אָבגעגעבען דער טעטיגקייטס-בעריכט, פון וועלכען ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז די אינסטיטוציע, טראָץ דעם וואס דער קריזיס האַלט אָן און אויך דאס וואס זי בעקומט נישט קיין שום סובסידיעס, ערפולט דאָך איהרע התחייבות'ן לגבי דער יודישער אָרימקייט. די סומע, וואָס איז פערטיילט געוואָרען אין מזומנים, ווי אויך אין פּראָדוקטען בעטרעפט 3874.70 זל. די געזעלשאפט צעהלט 297 מיטגלידער, פון וועלכע 50 צאָהלען ליידער נישט רעגולער דעם מיטגלידס-בייטראג.

דאַן ווערט, ווי בעוואוסט, יעדעס יאָהר געפיהרט אַ קליידער-אַקציע און אויך אין בעריכטס-יאָהר איז פערטיילט געוואָרען אַ פּאָר הונדערט שטיק מלבושים.

ס'ווערט אויך געלעזען דער פּראָטאָקאָל פון דער רעווידיר-קאָמיסיע.

דער בעריכט ווערט גענומען צו קענטניש און דער אָבטרעטענדער פערוואלטונג ווערט אויסגעדריקט א דאנק פאר איהר אַרבייט.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 4.500 זל. ווערט בעשטעטיגט.

אין דער פערוואלטונג ווערען פּערקלאַמאַציע געוועהלט די פרויען: ב. וועקסלער, דאווידאוויטש, ליפּינסקא, גייסלער, גוטמאכער, בראמבערג, ערליך, גליקסמאַן, העפּטלער, קאַפּלאַן, ראָזען, רושין, געריכטער; פערטרעטער: פּ"פּ בערלינער, ציגלער, ליפּשיץ, פּזשיסוסקער, ראָזענטאל; רעוויזיאָנס-קאָמיסיע: פּ"פּ גרעניעץ, קאהן און קרעמסקא.

צווישען די פרייע פּאָרשלאָגען איז אויך אָנגענומען געוואָרען דער פּאָרשלאָג וועגען מאכען אַ ווערבירונגס-אַקציע. דערמיט ווערט די פערזאַמלונג געשלאָסען.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אַז דער פרויען-פעראיין „עזרה" איז איינער פון די וויכטיגסטע און טעטיגסטע אינסטיטוציעס ביי אונז אין שטאָדט, וואס טראָגט הילף סיי אין פּראָדוקטען, סיי אין מזומן, ווי אויך אין מלבושים פאַר אַ גרויסער צאהל אָרימע בכבוד'יגע יודען. דאָרף דעריבער די ווערבירונגס-אָקציע, וועלכע די „עזרה" זאל בקרוב אַדורכפיהרען, האבען דעם גרעסטען ערפאָלג צווישען די ברייטע יודישע מאסען אין טשענסטאָכאָוו.

Szkoła Koedukacyjna im. Zofji Wajnsztokówny

w Częstochowie, Aleja 20, Telef. 10-78

przyjmuje zapisy do wszystkich 7 klas oraz do PRZEDSZKOLA (dzieci od lat 3-ch). Egzaminy systemem lekcyjnym. Judaistyka w szerokim zakresie. Dla niezamożnych ulgi.

Przyjmuje się zapisy na KOLONJE LETNIE.

די געזעלשאפט „אחיעזר" אויפ'ן בנין פון יודישען גימנאַזיום

אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער אלגעמיינער פערזאַמלונג פון דער געז. „אחיעזר" פון 15 מערץ 1936 טרעט די פערוואַלטונג צו צו א זאַמעל-אַקציע צווישען די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט לטובת דעם בוי פון א הויז פאָר די יודישע „געזעלשאפטליכע שולען אין טשענסטאכאוו.

לויט'ן זעלבען בעשלוס וועט די גאנצע געזאמעלטע סומע איינגעשריבען ווערען אין דעם גאָלדענעם בוך פון בוי-קאָמיטעט אלס מתנה פון דער געזעלשאַפט פאַר געגענזייטיגער הולף „אחיעזר" אין טשענסטאכאוו.

מיט'ן אויספיהרען דעם דאָזיגען בעשלוס וועלען זיך פערנעמען ספּעציעל דעלעגירטע מיטגלידער דורך דער פערוואלטונג, וועלכע וועלען בעזוכען די מיטגלידער פון „אחיעזר", כדי אדורכצופיהרען די זאמלונג.

די פערוואַלטונג פון „אחיעזר" האט צו דעם דאָזיגען צוועק ארויסגעשיקט בריעף צו די מיטגלידער און דריקט אויס די האָפנונג, אז די מיטגלידער וועלען ארויסווייזען זייער פערשטענדניש פאר דער וויכטיגקייט פון בנין און די זאַמלער אויפנעמען בסבר פנים יפות.

די לעהרערשאַפט—פאָר דער בוי-אַקציע פון גימנאַזיום

די אקציע צו בויען אַנ'אייגען הויז פאָר'ן יודישען גימנאַזיום האט די לעהרערשאָפט פון גימנאַזיום בעגריסט מיט גרויסען ענטוזיאַזם. זיי אַנערקענען, אז די אקציע וועט האבען א גרויסע בעדייטונג פאָר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון די היגע געזעלשאַפטליכע שולען און דער יונגער יודישער דור וועט זיך בילדען און ערצויגען ווערען אין גאָר נייע בעדינגונגען. דאס אויפשטעלען פון א מאָדערנער שול-געביידע וועט האבען א קאָלאָסאַלען איינפלוס אויך אויף דער ערציהונגס-ארבייט פון די שולען. די יוגענד וועט פערברענגען די צייט אין גערוימע, היגיענישע, ליכטיגע און זוניגע צימערן אָדער אויף דעם גרויסען שעהנעם ספּאָרטפּלאַץ.

אַלס אַנערקענונג פאָר דער לויבענס-ווערטער איניציאַטיוו האט די לעהרערשאָפט פון יודישען גימנאַזיום בעשלאָסען נישט צו בעגניגען זיך בלויז מיט שעהנע אַנערקענונגס-ווערטער, נור אויך צו אונטערשטיצען דאס ערהאַבענע ווערק מיט מעשים. די לעהרערשאַפט האט פאר'ן בוי פון הויז פאָר'ן יודישען גימנאַזיום געשפּענדעט די סומע פון 1400 זל.

פון „ברית החייל".

שבת, דעם 20-טען ד.ח. 5 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאָקאַל פון בית"ר (אלעע 40) א זביורקע פון אלע חיילים. רעפערירען וועט דער ה' יאַזשאַמבעק א.ד.ט. „די לעצטע געשעהענישען אין ארץ-ישראל".

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען פּונקטליך.

אַכטונג אייגענטימער פון האַנדעלס-אונטערנעמונגען!

די פערוואַלטונג פון סוחרים-און פאַבריקאַנטען פעראיין אין טשענסטאכאָוו פאָדערט אויף אַלע מיטגלידער, וואס פיהרען האַנדעלס-אונטערנעמונגען, ביי וועלכע עס איז אויפ'ן סמך פון נייעם דעקרעט פון מלוכה-פּרעזידענט וועגען לאָקאַטאָרען-שוץ געוואָרען געהעכערט דאס דירה-געלד דורך די ווירטסלייט, דאס זיי זאָלען זיך רעגיסטרירען אין סעקרעטאַריאַט, אַלעע וואָלנאַשטשי 35.

דערגענצונגס-שולע ביים האַנדוועקער-פערבאַנד

דאס צוטיילען די ציינגישען פאר די שילער, וועלכע האבען געענדיגט די דערגענצונגס-שולע ביים האַנדווערקער-פערבאנד ווערט פערוואַנדעלט אין א גרויסען יום-טוב.

און פּאַקטיש דאַרף דער דאָזיגער פאַקט וואס יודישע קינדער, וועלכע געהען צו א פאך זאָלען קאָנען ענדיגען א דערגענצונגס-שולע שטארק בעגריסט ווערען. דערביי דאָרף דערמאהנט ווערען דער קאָמיטעט, וועלכער האט די אויפזיכט איבער די דאָזיגע דערגענצונגס-שולע, דאס זענען די ה"ה: ס. מיטלער פּאָרזיצער, ד"ר גייסלער, ווילהעלם זשעריקער, פרוי אינזש. דאַוויטשאָוואַ, א. דזיאַלאָווסקי, ש. קאַץ, מ. בלום, ראַט. י. גאָלדבער, ד"ר בראַניאַטאָווסקי א. אנד.

אין דער פייערונג, וואס קומט פאָר דעם קומענדען זונטאג דאַרפען זיך בעטייליגען אַלע האַנדוועקער.

נאָך א קרבן פון די בלוטיגע פאַסירונגען פאר'ן ארבייטס-פאַנד.

פערג. מיטוואך איז אין קראקא פאָרגעקומען די לויה פון היגען איינוואוינער וואצלאוו גזשימאַלאַ-סאָיעצקי, א בעאַמטער פון היגען אַרבייטס-פאַנד.

ווי ס'ווייזט זיך ארויס איז דער טויט פונ'ם יונגען בעאַמטען געקומען אלס רעזולטאַט פון אנ'אינערליכער קראַנקהייט, וועלכע איז ענטשטאַנען פון א קלאַפּ מיט א ציגעל בעת די טרויעריגע פאַסירונגען מיט אַרבייטסלאָזע פאר'ן לאָקאַל פון אַרבייטס פאַנד אויף יאַטנאַגורסקאַ גאַס. איינע פון די ציגעל, וואס איז געוואָרפען געוואָרען פונ'ם המון אויפ'ן דערמאנטען לאָקאַל האט געטראָפען סאָיעצקי'ן אין רוקען און זייט דאָמאָלס האט ער זיך בעקלאָגט אויף די וואַקסענדע אינערליכע שמערצען. נאָך א לענגערער הויז-קוראַציע איז ער צוליעב דער פערערגערונג אַוועק אין א קראָקאָווער קליניק, וואו ער איז נאָך שווערע ליידען געשטאָרבען.

סאָיעצקי, וועלכער איז א רייה יאָהרען געווען קאַסירער פון דער הוטע „בלאַכאָווניאַ" און לעצטענס געווען אָנגעשטעלט אין אַרבייטס-פאַנד, האט איבערגעלאָזט א פרוי און א קינד.

אַ קרבן פון אונפּאָרזיכטיגקייט.

דער 17-יעהריגער יוזעף וואָיעוואודקא פון דאָרף דזיאלי מאַניפּולירענדיג מיט א רעוואלווער, וועלכען ער האט בעזיצען אונלעגאַל, האט דער רעוואָלווער אויסגעשאָסען און די קויל האט געטראָפען איהם אין בויך.

ער איז געשטאָרבען אין היגען שפּיטאַל.

פערענדיגט דער שטרייק אין דער „מעטאַלורגיע".

דער לאַנג-דויערענדער, אַזש 10 וואָכען, אָקופּאַציע-שטרייק אין דער פאַבריק „מעטאַלורגיע", וועלכער האט געפונען א ברייטען אָבקלאַנג אין דער עפענטליכער מיינונג איז פערגאַנגענעם זונטאג געוואָרען ליקווידירט.

אין משך פון דער לאַנגער צייט זענען פּאָרגעקומען א רייה קאָנפערענצען אין אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט, דאַן אין ארבייטס-מיניסטעריום ביים אנטייל פון דעלעגאַטען פון די שטרייקענדע אָרבייטער און פארשטעהער פון דער פאַבריקס - דירעקציע, וועלכע האבען אָבער קיין שום ממשות'דיגען רעזולטאַט נישט געגעבען.

פערגאַנגענעם זונטאג איז דאָך צווישען די צדדים געקומען צו א פּערשטענדיגונג אויף פּאָלגענדען אופן: ביז'ן 20-טען ד. ה. וועלען צוריק-בעקומען זייער בעשעפטיגונג 225 אָרבייטער, ביז'ן 30-טען ד. ח. — ווייטערדיגע 70 אָרבייטער און דעם 1-טען שערפּיען — די רעשט ארבייטער אין דער צאָהל פון 400. חוץ דעם וועלען די אָרבייטער וואס קענען נישט באַלד ווערען בעשעפטיגט — בעקומען דעם געזעצליכען אורלויב. דאס אָננעמען די ארבייטער זאָל פאָרקומען אויפ'ן סמך פון די ליסטעס, וואס זענען אריינגעטראָגען געוואָרען דורך דער פאַבריקס-דירעקציע.

כדאי צו דערמאָנען, אַז אויף די ערשטע קאָנפערענצען האט די דירעקציע נאָראַנטירט צוצונעמען די ארבייטער ביז'ן 2-טען יוני ה. י. אַזוי, אַז עהנליכע בעדינגונגען וואָלטען געקאָנט דערגרייכט ווערען באַלד ביים אָנהויב פונ'ם שטרייק און ס'וואָלט דערמיט אויך אויסגעמיטען געווארען דער לאַנגדויערענדער אָקופּאַציע-שטרייק, וועלכער האט געדויערט 10 וואָכען, במשך פון וועלכע א גרויסע צאָהל אָרבייטער האט גישט פערלאָזט די מויערען פון דער פאַבריק.

אַ דונער מאַכט-אָן א שרעקליכען חורבן אין אַ דאָרף הינטער טשענסטאָכאָוו.

נעכטען, אָרום 3 א זייגער נאכמיטאג האט אין דאָרף זשאַנסאָוואַ, הינטער טשענסטאָכאָוו, פּאַסירט א שוידערליכער פּאָרפאַל:

אין דער וואוינונג פון א געוויסען אַנקלעוויטש אינ'ם דערמאנטען דאָרף איז אריין א דונער, וואס האט אראָבגעריסען דעם דאַך, צושטערט די מויערען און דער'הרג'עט דריי פּערזאָן, צוויי מענער און איין פרוי. פונ'ם זעלבען דונער איז אויך שווער פערוואונדעט געוואָרען די פרוי פונ'ם דער'הרג'עטען אַנקלעוויטש און זייערע צוויי קינדער.

אויפ'ן אָרט פונ'ם פּאָרפאַל זענען אָנגעקומען דר. טאַרבעטשקאָ און דר. טענענבוים, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט דעם טויט פון די קרבנות און די פערוואונדעטע איבערגעפיהרט אין היגען שפּיטאָל אריין.

זש. ט. ק. הויבט אָן צו בענייען איהר טעטיגקייט.

נאָך א לאַנגער הפסקה האט די יודישע געזעלשאַפט פאר לאַנדקענטשאַפט אָנגעהויבען צו בעניינען איהר טעטיגקייט. עס איז שוין פּאָראויסגעזעהן א גאַנצע רייה אויספלוגען.

דער ערשטער אויספלוג קומט פאָר זונטאג, דעם 23-טען ד. ח. קיין זלאָטיפאָטאָק און אומגעגנד. פערשרייבען קען מען זיך ביז שבת מיטאג ביי י. רזשאַנשינסקי, אַלעע 29. רייזע הוצאות אין ביידע זייטען בעטרעפט 3.20 זל. ס'איז געווינשען מיטצונעמען באַד-קאָסטיומען.

דער צווייטער אויספלוג וועט זיין א צווייטאָגיגער קיין קראקע און אויצוב און וועט פאָרקומען די צווייטע וואָך.

דער יעהרליכער יום-טוב פון 27-טען פּולק.

דער יעהרליכער יום-טוב פון 27-טען פּולק אין טשענסטאָכאָוו איז היי-יאָהר געוואָרען געפייערט מיט גרויס פּאראַד און ס'האבען אין איהם אנטייל גענומען פארשטעהער פון דער מאַכט און א גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג, וועלכע האבען דערמיט אונטערגעשטראָכען די סימפּאַטיע פאר די „טשענסטאָכאָווער קינדער".

דער יום-טוב האט זיך אָנגעהויבען פרייטאָג אין דער פריה מיט א גאָטעסדיענסט פאר די געפאַלענע זעלנער פון 27-טען פּולק.

דעמזעלבען טאָג אין אָווענד איז פאָרגעקומען א פייערליכער „אַפּעל" אויפ'ן פּיעראַצקי-פּלאַץ, וואו ס'איז געווען פערזאַמעלט דער גאַנצער פּולק, סטאַראָסטע ראָגאָווסקי, וויצע-שטאָדט-פּרעזידענט הענשעל, אָפּיצירען-קאָרפּוס, פּאָרשטעהער פון אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס און א גרויסע צאָהל בעפעלקערונג. דער באַלקאָן פון ראָטהויז איז געווען הערליך אילומינירט. דעם מיליטערישען ראַפּאָרט האט אָבגענומען פּולקאָווניק פּאַנעק, וועלכער האט אויך געהאַלטען א קורצע רעדע צום אַנדענקען פון די געפאַלענע זעלנער און צום סוף פּערארדענט אנ'1-מינוטיג שטילשווייגען. דאַן האט דער אָרקעסטער געשפּילט שאָפּענ'ס טרויער-מאַרש און פון פּערשידענע טיילען שטאָדט האבען זיך דערהערט שאָסען פון מאַשינען-געוועהר.

שבת אין דערפריה האט דער גאַנצער פּולק אָבמאַרשירט אויף דער יאַסנאַ-גורא, וואו ס'איז געוואָרען אָבגעריכט א גאָטעסדיענסט אין דער אַנוועזענהייט פון דער מאכט. 12 א זייגער מיטאג איז פאָרגעקומען א דעפילאָדע אויפ'ן פּיעראַצקי-פּלאָץ, וועלכע ס'האט אָבגענומען גענעראַל נאָגשאַראָווסקי, אין דער אַנוועזענהייט פון סטאַראָסטע ראָגאָווסקי, פּרעזידענט מאָטאָל, ריכטער קעלער, צוויי וועטעראַנען פון יאָהר 1863.

די דעפילאַדע צווישען צוויי שפּאַלערען שול-יוגענד, וועלכע האבען די זעלנער בעשיט מיט בלומען, איז אויסגעפאַלען אימפּאָנירענד.

דערנאָך איז פאָרגעקומען א פייערליך מיטאָג אויפ'ן פּלאָץ פון די קאָשאַרען, א פערוויילונג און דאס פונאַנדערטיילען פון פּריזען פון די ספּאָרט-פערמעסטונגען.

עפענטליכער דאַנק.

(אַ בריעף אין רעדאַקציע)

דורך דער פערמיטלונג פון אייער געעהרטער צייטונג ערלויבט אונז אויסצודריקען א האַרציגען דאַנק דעם חשוב'ן קהלה-פּרעזעס ה' יעקב ראָזענבערג פאר זיין געלונגענער אינטערווענץ ביי דער געהעריגער מאכט צו פערזיכערן די רוה אויפ'ן מאָנטאָג'דיגען יריד אין אָמסטוב און בעזונדער פאר זיין מסירת נפש'דיגען טהאט מיט זיין קומען אויפ'ן יריד נאָך אָמסטוב אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָנטי-יודישער העצע, וואס ס'איז דאָרט געפיהרט געוואָרען.

א גרופּע מאַרקשטעהער

(ס'פאָלגען מעהרערע אונטערשריפטען).

פון ספּאָרט

„הכח" (ראַדאָמסק) — „אַדמירא".

שבת, דעם 20-טען יוני קומט דער ראַדאָמסקער „הכח" נאָך טשענסטאכאוו און וועט שפּילען א פריינדשאַפטס-מעטש געגען דער היגער „אַדמירא".

„הכח" געהער ביים היינטיגען טאָג צו די בעסטע יודישע מאַנשאַפטען אין פּוילען און וואו ער שפּילט נאָר רופט ער ארויס די גרעסטע פּאָראינטערעסירונג ביי די ספּאָרט-ליבהאבער. אויך ביי אונז אין טשענסטאכאוו איז „הכח" שטאַרק פּאָפּולער און אויפ'ן מעטש מיט'ן היגען „מכבי" געווינען די גאַנצע סימפּאַטיע פון רוהיגען יודישען ספּאָרט-עולם מיט'ן אָרט שפּילען און גלענצענדע טעכניק.

„הכח" האט אין היי-יעהריגען סעזאָן בעזיגט ערשטקלאַסיגע ספּאָרט-מאַנשאַפטען פון לאָדז, פּיעטרקאוו, טשענסטאָכאָוו און זאַגלעמביע. אויך „אַדמירא" גרייט זיך געהעריג צו צום דאָזיגען מעטש און נאָכ'ן בעזוייטיגען עטליכע שוואַכע פּונקטען אין דער מאַנשאַפט וועט זי זיך האָפענטליך בעסער רעפּרעזענטירען. עס איז דעריבער צו ערוואַרטען א העכסט-שפּאַנענדען קאַמף צווישען די דאָזיגע ספּאָרט-מאַנשאַפטען.

דער אינטערעסאַנטער מעטש קומט פאר אויפ'ן „מכבי" ספּאָרט פּלאַץ פּונקטליך 5 נאכמיטאג. 3-30 קומט פאר א פּאָרמעטש. די פוטבאָל-לייטונג זאָרגט אויך פאר דער רוה און אָרדנונג.

בעאונרוהיגענדע קלאַנגען וועגען אַנטי־יודישע אונרוהען אין אַמסטוב.

פערג. זונטאג פארטאגס האבען אונבעקאַנטע כוליגאַנעס אויסגעהאַקט די שויבען אין דער וואוינונג פון אַמסטעווער רב איינהאַרן און אויך ביי די דאָרטיגע יודען: מרדכי לייב גאָלדבערג, אברהם איטשע שקלאַז, הנינה פייערמאַן און אנדערע. שפעטער האבען זיך געגומען פערשפרייטען קלאַנגען, אַז נעכטען, בעת'ן יריד, וואס דאַרף פאַרקומען אין אַמסטוב, זאָלען פארקומען אַנטי־יודישע אַרויסטרעטונגען.

אויף דער ווענדונג פון די אַמסטעווער יודען האט פּרעזעס ראָזענבערג אינטערווענירט ביים פערטרעטער פון פּאָליציי־קאָמענדאנט קאמיסאר קאַסטערקאַ, וועלכען ער האט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די צוויי פּאָליציאַנטען, וועלכע געפינען זיך אין אַמסטוב, זענען נישט בכח אין פאַל פון ארויסטרעטונגען צו בעהערשען די לאגע און דעריבער האט ער געבעטען ארויסצושיקען אַהין פּאָליצייאישע הילף. דער קאָמיסאר האט טאקי ארויסגעשיקט מעהרערע פּאָליציאַנטען.

פארמיטאג האבען זיך אין שטאָדט פערשפרייט קלאַנגען, אַז אין אַמסטוב קומען פאר אַנטי־יודישע ארויסטרעטונגען צוליב וואס פּרעזעס ראָזענבערג און דאָזאָר ה' דוד פיליפּאָוויטש צוזאַמען מיט די פּרעסע־פאַרשטעהער די ה"ה: מענדיל אַש און שמואל פראַנק זענען גלייך אַהינגעפאָהרען. דאָרט האט זיך ארויסגעוויזען, אַז באלד אינדערפריה זענען אַנגעקומען מאַסען פויערים פון דער גאנצער אומגעגענד, פיעל מעהר ווי שטענדיג, צווישען וועלכע מען האט אנגעהויבען פערשפרייטען גיפטיגע אַנטיסעמיטישע אויפרופען, געדריקטע אַזש אין פויזען. דערביי האבען זיך אויך געהערט דראָהונגען אויפ'ן אדרעס פון די יודען. די יודישע מאַרקשטעהער, צווישען וועלכע דער רוב זענען געווען טשענסטאָכאָווער, האבען אין אנהויב נישט געוואלט אויספאַקען זייערע סחורות, נאָר ערשט, ווען ס'איז אַנגעקומען די טשענסטאכאווער פּאָליציי, האבען די יודען אויסגעשטעלט זייערע סטראַגאַנעס.

איינציגווייז האבען די פויערים, אין אַנבליק פון דער פּאָליציי, גענומען פערלאָזען דעם יריד.

דער טאָג איז אדורך רוהיג אין אַמסטוב, דער פדיון איז אָבער געווען א גאַנץ שוואַכער.

העצערישע לאָזונגען געגען יודען — אויפגעמאָלט אויף די הייזער אין זאַוואָדזיע.

אין דער נאַכט פון דינסטאָג אויף מיטוואָך האבען אונבעקאַנטע פערברעכער אויפגעמאָלט מיט רויטע פאַרב אויף די הייזער אין זאוואָדזיע גרויסע העצערישע לאָזונגען געגען יודען, ווי: „אָ טויט די יודען!", „שלאָגט די יודען!" א. אַז. וו.

צו־וואס אַזאַ העסליכע העצע קען דערפיהרען, דערצו נאך, ווען בשכנות געפינט זיך דער מאַרק, אויף וועלכען ס'זענען אויסגעשטעלט עטליכע הונדערט יודישע סטראַגאַנעס — איז לייכט צו פערשטעהן.

פּרעזעס ראָזענבערג מיט ה' מענדיל אַש האבען זיך דעריבער תיכף געוואַנדען צום פּאָליציי־קאָמיסאַר ה' סטראָבעל, וועלכער האט גלייך אַהינגעשיקט פּאָליציי און פּעראַרדענט די לאָזונגען צו פערשמירען.

Komunalna Kasa Oszczędności
powiatu Częstochowskiego
w CZĘSTOCHOWIE, ALEJA 19 (dom własny).
podaje do wiadomości, że od dnia 15 czerwca r. b.
biura czynne są:
dla wkładów oszczędnościowych: rano od godz. 8-ej do 14-ej,
a po południu od 17-ej do 18-30, w soboty tylko od 8 do 13.
dla weksli: od godz. 9 do 14 a w soboty do godz. 13-ej.
dla innych czynności: od godz. 8 do 14, a w soboty do 13-ej.

אינטענסיווע טעטיגקייט פון היגען שקל־קאָמיטעט.

נאָכ'ן צווייטען בעזוך פון חשוב'ן דעלעגאַט פון דער יודישער אַגענץ, הרב ווייס פון ירושלים, וועלכער האט פערגאַנגענעם שבת געהאַלטען א זעהר אינטערעסאַנטען רעפעראַט אין דער שטאָדט שוהל וועגען דער איצטיגער לאַגע פון יודישען פאָלק און זיינע אויססיכטען אויף דער צוקונפט — איז דער אינטערעס פאר דער היי־יעהריגער שקל אַקציע געוואָרען פיעל גרעסער ווי פריהער.

צומארגענס זונטאג האבען זיך פיעל יודען — געוועהנליכע, פּשוט'ע יודען פון א גאַנץ יאָהר — געמאלדען פרייוויליג, אַז זיי ווילען אנטיילנעמען אין דער שקל־אַקציע און ס'זענען אויך געווען א סך יודען, וועלכע האבען זיך געוואנדען, אַז מ'זאָל זיי פערקויפען שקלים.

די יעניגע, וועלכע האבען נאך ביז־איצט נישט געקויפט דעם היי־יעהריגען שקל — קענען איהם בעקומען יעדען אווענד אין די לאָקאַלען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, „מזרחי" און רעכטע „פּועלי־ציון".

ערקלערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די פערשפּרייטע קלאַנגען וועגען אונרוהען אין אָלשטין, ערקלערען מיר אונטערגעשריבענע, אַז די קלאַנגען זענען פאַלשע און אין אַלשטין איז פולקאָם רוהיג. די קריסטליכע בעפעלקערונג איז גאַסטפריינדליך צו די יודישע לעטניקעס און זיכערט רוה די יודען.

העניך קאַרטוש, וואָלף פּישהאָף, אַנטאָני רישינסקי, וואַלענטי נאָביאַלעק, בעריש בוים, ש. קאָזשיוואָדאָ, ש. ווייסקאָפּף, י. ווילטשינסקי.

דעלעגאַציע פון אַרבייטסלאָזע אין וואַרשא.

די צאָהל בעשעפטיגטע אויף עפענטליכע אַרבייטען בעטרעפט אַנ'ערך 1700 פערזאָן. די בעשעפטיגטע אויף די עפענטליכע אַרבייטען זענען ארויסגעטרעטען מיט א בקשה צו דער מאַכט וועגען פערגרעסערן די צאָהל אַרבייטסטעג, וועלכע זענען ביז־איצט נור פערהאַן 3, ווי אויך וועגען העכערן די לוינען.

די דעלעגאַציע פון אַרבייטסלאָזע האט וועגען דעם דאָזיגען ענין זיך געוואַנדען צום וואָיעוואָדישען אַמט אין קעלץ און דאַן צום אַרבייטס־פאָנד אין ווארשא, וואו ס'האט זיי אויפגענומען דער נאַטשעלניק דר. פּאַטשינסקי.

א זיצונג פון שטאָדט־ראַט.

דינסטאג, דעם 23 טען ד. ח. 7 א זייגער אווענד וועט פארקומען א זיצונג פון שטאָדט־ראַט מיט'ן זעלבען טאָג־אָרדנונג, וואס איז געווען פארגעזעהען אויף דער פריהערדיגער זיצונג, וועלכע איז, ווי בעוואוסט, געוואָרען איבערגעריסען.

צום טאָג־אָרדנונג איז בלויז געוואָרען צוגעגעבען דער 29 טער פונקט וועגען איבערוויילען דעם בודזשעט אין דער בודזשעט קאָמיסיע.

א בעוואוסטלאָזן מיידעל ארויסגעצויגען פון טייך וואַרטאַ.

ביים וואַסער־ברעג פון דער ים־ליגע האט זיך פלוצים פערנעכטען דערהערט א שוידערליך געשריי נאָך הילף. דער דערנעבען שטעהענדער קאָרושעוויטש איז אין די מלבושים אריינגעשפּרינגען אין וואַסער און צוגעשווימען צום טרינקענדען מיידעל, וועלכע ער האט אין א בעוואוסטלאָזען צושטאַנד ארויסגעצויגען און צוגעשווימען מיט איהר צום ברעג. דער פערזאַמעלטער עולם האט דאס מיידעל צוריקגעבראַכט צום בעוואוסטזיין.

ווי ס'האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען איז דאס מיידעל די 13 יעהריגע ווראָניקאַ גזשיבאַ פון מאַקראַ 2, וועלכע האט זיך געשפּילט ביים ברעג און צוליב אייגענער אונפאָרזיכטיגקייט אריינגעפאלען אין טייך אריין.

דראַמאַטישע פּאַסירונג אין געריכט.

אין שטאָדטישען געריכט בעת א ציווילען פּראָצעס האט זיך אָבגעשפּילט פאָלגענדער דראַמאַטישער עפּיזאָד:

דער שטאָדטישער ריכטער מישעווסקי האט בעטראכט די תבועה פון געוואָלד־וועכטער יוזעף טורסקי געגען זיין געוועזענעם ברויט־געבער. אלס עדות אינ'ם דאָזיגען פּראָצעס איז ארויסגעטרעטען דער געוועזענער אַדמיניסטראָטאָר, דער 70 יעהריגער פּאַוועל גראָבאָווסקי, וועמענס ערקלערונגען ס'האט אָבגעלייקענט דער אַנקלאָגער טורסקי.

אין א געוויסען מאָמענט איז גראָבאָווסקי געוואָרען בלאַס און אומגעפאַלען אויף דער ערד. דער ערשטער איז טורסקי איהם געקומען צו הילף. דער פּראָצעס איז געוואָרען איבערגעריסען און די אַרויסגערופענע גיכע־הילף האט שוין בלויז פעסטגעשטעלט גראָבאָווסקי'ס טויט.

דער דאָזיגער טרויעריגער פאַל האט געמאַכט א טיעפען רושם אויף די אַנוועזענדע אינ'ם געריכט.

בעקאַנטמאַכונג
דער שלאָסער ווי אויך ראַוועדען־וואַרשטאַט
וואס איז זיינער צייט אָבגעברענט געוואָרען אויף וואַרשאַווער נר. 25 איז איבערגעטראָגען געוואָרען
אויף וואַרשאַווער 19
און הויבט אָן צו זיין טעטיג פון **דינסטאָג,** דעם 23־טען ד. ח.
מיט אכטונג: **יוחנן ראַפּאַפּאָרט**
וואַרשאַווער 19.

KINO „EDEN"
נור אויף עטליכע טעג —
די בעגייאונג פון שעקספּיר'ס
Sen Nocy Letniej
רעאַליזאַציע: מאַקס ריינהאַרדט.
2 פאַרשטעלונגען טעגליך 6.15 און 9.15.
איינגאַנג נור צום אנהויב פון דער פאַרשטעלונג.

Kino „LUNA"
היינט — צום לעצטען מאָל
Ilonka
פון שבת אָן די וויציגע ווינער קאָמעדיע
nie chcę wiedzieć kim jesteś
מיט ליאַנאַ הייט, גוסטאוו פרעהליך אא.
איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג־אַקטואַליען.

Kino „STYLOWY" Aleja 27.
בעסטע אַמעריקאַנער קאָמעדיע
Ręce na stole
מיט **קאַראָלאַ לאָמבאַרד** און **פרעד מאַק־מאַררעי**
אויסער'ן פּראָגראַם: אַקטואַליען.

אויפפאָדערונג.

מיר פאָדערען אויף צום לעצטען מאָל דעם ה' קלמן מאַרקאָוויטש צו בעצאָהלען דאס שולדיגע אונז דירה געלד שפּעטסטענס ביז זונטאג דעם 21־טען טשערוויעץ ד. י. אין געגענפאַל וועלען מיר זיין געצוואונגען אַנצונעהמען די געהעריגע מיטלען. כדאי צו דערמאַנען, אַז ה' מאַרקאָוויטש האט א פערמעגליכען זוהן — א ווירט פון א 3 שטאָקיג הויז אויף מאַדזשעיאָווסקא גאַס אין סאָסנאָוויץ, וועלכער וואלט גיכער געדאַרפט זיין פאָטער צו בעזאָרגען מיט א דירה.

ה. גאַבעל און יורשים פון פ. גאַבעל.

עפענטליכער דאַנק דעם נייעם קוואַליפיצירטען היגענישען מוהל

דערמיט דאַנקען מיר דעם נייעם קוואַליפיצירטען היגענישען מוהל ה' אברהם משה קרישעק, קאָטעדראַלנע 20 פאַר'ן היגענישען און דאָקטארישען אַדורכפיהרען די מילה־אָפּעראַציע פון אונזער זוהנדעלע, וועלכע האט אַרויסגערופען גרויס ענטציקונג ביי די אַנוועזענדע געסט.

פאַמיליע עסיג, נאַרוטאָוויטשאַ 10.

אויפקלערונג:

שוין א לענגערע צייט קומט פאָר צווישען מיר און מיין פאטער א סכסוך וועגען דער דורך מיר אויפגעבויטער אָפּיצינע, וואס געפינט זיך אין הויז אַלעע־וואָלנאַשטשי 39 און טראָץ דעם וואס איך האב פאַרגעלייגט, אַז ס'זאָל פאַרקומען אַנ'עהרען־געריכט וועלכעס זאָל איינמאָל פאר אַלע מאָל דעם ענין ערלעדיגען, האט מיין פאטער דערויף נישט מסכים געווען. לעצטענס בין איך געוואויר געוואָרען, אַז מיין אייגענער פאטער האט מיך איינגעקלאגט אויף אַנ'עקסמיסיע, האב איך נאָכאַמאָל געשיקט שליחים וועגען אַנ'עהרען געריכט און גלייכצייטיג איהם אויפמערקזאַם געמאכט, אַז זיין שריט קען איהם און אויך מיר עפענטליך קאָמפּראָמיטירען. מיין פאטער האט זיך אָבער פערעקשנ'ט און נישט געוואָלט הערען דערפון. דאס האט זעלבסטפערשטענדליך מיך ארויסגעפיהרט פון געדולד. און טרעפענדיג מיין פאטער מאנטאג אויפדערנאַכט אין גאַס האב איך עס איהם פאַרגעהאַלטען. אויף דעם איז אַנגעלאָפען מיין יונגסטער ברודער און זיך געוואָרפען מיך שלאָגען. מיין מאַן, וועלכער האט דאס צוגעקוקט האט זעלבסטפערשטענדליך מיך פערטיידיגט.

אָט דאס איז דער רעזולטאט פון מיין פאָטער'ס האַנדלונג, וואס האט געבראַכט צו עפענטליכע סקאַנדאַלען און צו א קאָמפּראָמיטאַציע פאַר דער גאנצער שטאדט.

רוזשאַ ניעזנאַנאָווסקא פונדערהיים **וויינריב.**

אויפפאָדערונג

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן סכסוך, וואס קומט פאָר צווישען מיין פאטער יוסף וויינריב מיט מיר וועגען דער דורך מיר אויפגעבויטער **אָפּיצינע אַלעע וואָלנאַשטשי 39.** פאָדער איך אויף מיין פאָטער, אַז אין משך פון 5 טאג זאָל פאַרקומען אַנ'עהרען־געריכט, כדי אויף ווייטער אויסצומיידען עפענטליכע סקאַנדאַלען און קאָמפּראָמיטאַציעס, אין פאַל ווען מיין פאטער וועט אויף דעם ווייטער נישט מסכים זיין, נעם איך אַראָב די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די ווייטערדיגע קאָנסעקווענצען.

מיט אכטונג
רוזשאַ ניעזנאַנאָווסקאַ—וויינריב.

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו

כדי צו מאכען א סוף צו די שעדליכע קלאַנגען, וואס ווערען כסדר פערשפּרייט דורך פעראינטערעסירטע פּערזאָנען געגען דעם דורך מיר אָנגעפיהרטען לעהר־אַנשטאַלט, בין איך געצווינגען פעסטצושטעלען אין מיין נאָמען, אַלס פעראַנטוואָרטליכער לייטער, אין נאָמען פון לעהרער־פּערסאָנאַל און אין נאָמען פון אויפזיכטס־ראַט, אַז ס'ווערט געלעגט גרויס אַכט אויפ'ן לימוד פון דער העבּרעאישער שפּראַך אין אונזער שולע צוליב דער פּראַקטישער בעדייטונג פון דער דאָזיגער שפּראַך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, וועלכע איז אָהן צווייפעל דער וויכטיגסטער און כסדר שטייגענדער פאַקטאָר אינ'ם לעבען פון די יודישע מאַסען. דער דאָזיגער לימוד וועט דערפאר אין קומענדען שול־יאָהר גרונדליך רעאָרגאַניזירט און געהעריג געפלעגט ווערען. די לעהר־שעה'ן, געווידמעט דער דאָזיגער שפּראַך וועלען אויסגעגלייכט ווערען מיט די לעהר שעה'ן, וואס פערפליכטען אין אַנדערע יודישע שולען, אין די ראַהמען, וואס ס'ווערט פארגעזעהען דורך דער פערארדנונג פון קראָקאָווער שול־קוראַטאָריום פונ'ם 4־טען יוני 1936 י. חוץ דעם מאכען מיר אויפמערקזאַם דערויף, וואס צוליב די לעבענס־בעדערפנישען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עמיגראַציע בעוועגונג, ווערט אין דער 1־טער קלאַס איינגעפיהרט די צוואַנג־לעהרע פון דער ענגלישער שפּראַך, אַנשטאָט די דייטשע.

שטעהענדיג אונערמידליך ביי אונזערע לאָזונגען פון ערציהונג אין בירגערליך־מלוכה'שען און דערביי עכט יודישען גייסט, וועלען מיר אינ'ם קומענדען שול־יאָהר פאָרטזעצען אונזער עהרליכע אַרבייט פאר'ן וואויל פון דער מלוכה און פאר'ן וואויל פון דער יודישער געזעלשאַפט אין דער זיכערקייט, אַז אונזער שולע איז געזעלשאַפטליך נויטיג און האט פאר זיך א גלענצענדע צוקונפט.

גלייכצייטיג לאַדענען מיר איין די ג' עלטערן, פרייגד און די געוועזענע שילער אויף דער פייערונג פון פונאַנדערטיילען די צייגנישען פאר די אַביטוריענטען, וועלכעס קומט פאָר זונטאג, דעם 21 יוני 11 א זייגער פארמיטאג אינ'ם שולע־לאָקאַל.

(—) **ד"ר. אַקסער,** דירעקטאָר.

Szczepienie ochronne przeciwko ospie świeżą krowianką codziennie
Starszy felczer
ST. MITTLER
Piłsudskiego 7
tel. 18-04.

פאַרבערייי און כעמישע וועשערייי
„BENETA"
ב. יאַסנע עוויטשאַ 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)
אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע־שולע אין ווארשא מיט לאַנג־יעהריגער פּראַקטיק
ספּעציאַליטעט:
1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש ריינעגען און פּאַסאַנירען קאַפּעלושן,
4) וואַשען שטייפע מענער־וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל־גלאַנץ.

Redaktor i wydawca: B. Bocian   Druk. B. Bocian, Aleja 6